שנה ד׳
נומער 161
**פרשת יתרו**
תשפ״ג

# קרית ברסלב בלעטל

**ברעיקינג!**
דער ״צום פינטל״
שרייבער איז צוריק!

**מיט א טיפערן בליק:**
רויטע בושות

**פאר די ברסלב׳ע שטוב:**
ארבעט עס טאקע?

# קבלת התורה פונדאסניי



# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
ישראל דוד העסקעל, הערשל לויפער, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא
שארף, שמואל בער שניטצלער



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננשיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
יתרו כ' שבט תשפ"ג

הדלקת הנרות.........05:07
מוצאי שבת ............06:39

מנחה מעריב משפטים ... 06:25



משה ארי' שניטצלער
ברעקינג! דער "צום פינטל" שרייבער איז צוריק!
3


צום פינטל
שאלאכצלאזע פרוכט
7


היכל הקודש נייעס
אבטע יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע
11


מיט א טיפערן בליק
רויטע בושות
14


א סעודה מיטן ר'
פרשת שמות אין ארץ ישראל
20


די ברסלב'ער שטוב
ארבעט עס טאקע?!
27


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער מנהל
**מו"ה אשר דוב אינדארסקי הי"ו**
**וזוגתו טויבא רבקה תחי'**
**צו זייער נייע מיידל בעבי**
דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער מנהל
**מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו**
**וזוגתו פערל תחי'**
**צו זייער נייע אינגל בעבי**
דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ניחום אבלים!

מיר שיקן אונזער טרייסט וואונטשן פאר אונזער חשובער חבר הנהלה
**מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו**
וואס טרויערט נאך די פטירה פון זיין שוועסטער

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 10 | 44°/29° | Mostly Cloudy |
| Sat 11 | 31°/15° | Snow Showers |
| Sun 12 | 35°/23° | Sunny |
| Mon 13 | 43°/29° | Mostly Cloudy |
| Tue 14 | 42°/31° | Partly Cloudy |
| Wed 15 | 47°/38° | Showers |
| Thu 16 | 49°/36° | Showers |
| Fri 17 | 43°/21° | Rain/Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן קכ"א



משה ארי' שניטלער

# ברעיקינג! דער "צום פינטל" שרייבער איז צוריק!

ווען די קרית ברסלב בלעטל וואלט געווען אין די ביזנעס פון "מאכן נייעס" וואלט געווען אזא מין הויפט נייעס אויפן ערשטן בלעטל פון די בלעטל:

שוידערליכע אומבאשרייבבארע צויבערנדע אויפגעברויזטע געפילן פון פארדרוסס און אומפעט'יגע אמפערדיגע אנגסט צונויפגעפעפפערט מיט זאלציגע זוידיגע טרערן וואסערלעך פליסן אומאויפהערליך פון די קנייטשעדיגע אויגען לעפפפלעך פון די מיליאן קעפיגע הייפעלע וואס באשטייטדט דאס יהדות החרדית דארצות הברית וקאנאדעדע ובראזיל ואינדיאנא נאכדעם וואס דאס געזוך נאכ'ן אידענטיטעט פון דעם בעל "צום פינטל" האט געברענגט קיינע ראזאלטוטאציעס – איבעריג צו זאגן אז די פון-דער-פירערשאפט-באשטימטע זוך-עסקנים האבן ניטאמאל א שפרענקעלע פון א געדאנק פון טראכטן צו קלערן צו שפעקעלירן צו דערגרונטעווען זיך צו א קייקעלע פון אויפגעבונג, נאר די מאקסימאלסטע מאס מאקסימאלקייטן פון פאראויס-שטויסענדע בולדאזערישע כחות וועלן פארגעזעצט ווערן מיט די גרעסטע שטויסקראפטקייט און שטאנדהאפטיגקייט ביז עס וועט ענדליך אנטבלויזטעט ווערן די נאקעטע פאקטן פון די באהאלטנקייטישע כחות וואס אנטשפרעכן צו פארזיכערן אז די שלייער וואס טוט פארשטערקערן די טונקלקייט פון די מאסקע וואס פארשטעלטערט די פארעלטערטע איידענטיטעט פון דעם "צום פינטל" פארשוין.

דאס וואלט געווען די קורצע העדליין ניוס.......

אבער היות די קרית ברסלב בלעטקעלע איז נישט אין די נייעס פון מאכן נייעס, איז די העדליין געווען, כ'ווייס נישט וואס, אבער עפעס מיט מוהרא"ש, עפעס מיט א צדיק.

אויב די העד ליין איז טאקע נישט וועגן די זוכעניש נאך דעם צום פינטל, פארוואס בין איך יעצט געווארן סטאק מיט דעם?

ווייל איך בין סטאק מיט עפעס אנדערש, איך בין סטאק מיט רעקרוט'ן נאך כחות זאלן העלפן שטופ'ן די וואגן פון ארייננברענגען אין די וועלט די "אפענע" אמונה, צו רעדן פון די אייבערשטער מיט אזא עזות ווי יענער רעדט פון געלט......

מאך איך אויף דעם בלעטל און ליין די בריוו פון א העכסט געשמאקע שרייבער מיט א גאר באטעמטע שפראך ווי ער גאר'ט און צער'ט און בענקט און דענקט און באטראכט און באאבבאכט ווי נעמט מען אהער דעם צום פינטל שרייבער

איך זע פאר מיינע אויגן א גלענצענדער שרייבער און איך קען זיך נישט בארואיגן, אזא מין וועג פון שרייבן.... לייט ענד קעזשועל, נישט צו גראדזשעדיג נישט צו בארינג, נאר פונקט אזוי אז מ'זאל וועלן ליינען נאך א שטיקל און נאך א שטיקל, איך וואונטש מיר די וועלט זאל קענען געניסן פון אייער דערקוויקענדע טאלאנט וואס איז גארנישט ווייניגער פון "כמים קרים על נפש עיפה"

אייער סטיל פון שרייבן האט די כח איבערצודרייען א וועלט! איר גלייבט נישט? געט א קוק



וואס פארא מהפיכה מוהרא"ש זי"ע האט געמאכט! וואס וואלט געווען ווען מוהרא"ש וואלט נישט געזען יענע ברסלב'ע ספר ביי די פופצן יאר? שטעלט אייך פאר די ראש ישיבה וואלט נישט באקומען דעם אשר בנחל חלק כ"ז (די קליינע באנד, געדרוקט אין די ווייטע אינדיע, אויף ריסייקלד פעיפער מכל קצוי תבל) פון דעם מפיץ הגדול ר' נתן יאקאבאוויטש נ"י אין בית המדרש אונגוואר, וואס וואלט דעמאלטס געווען?

איך וועל אייך צוריק ברענגען דעם שרייבער פון צום פינטל און איר וועט זיך פארסמאקעווען מיט אים, און וואס וועט שוין זיין נאכדעם?

די פאקט איז אז אסאך מענטשן ליידן אין לעבן און מיר מוזן זיי העלפן.

אז איר האט געלערנט פוירסט עיד און איר זעט אן עקסידענט וועט איר יעצט טעאריזירן צו יאנע סאלק איז די עכטע היראו פון פאליא וואקסין? (ווייל אנדערע וועלן אייך זאגן אז ער וואלט גארנישט געקענט אויפטון אן די הקדמות פון מענדעלעיעוו און אייזעק ניוטאן) אדער איר וועט, אומר ועושה, ראטעווען נפשות וואס זענען צובלוטיגט פונעם עקסידענט.....

אפשר ווילט איר אליין שרייבן יעדע וואך עפעס א ברעקעלע פון אמונה'דיקס? אפשר וואלט איר געוואלט זיין א חלק פון דערמאנען מענטשן אז "די אייבערשטער וועט העלפן" "די שוועריגקייטן גייען אוועק און די נחת בלייבט" "יעדער איד קען בעטן דעם אייבערשטן אלעס וואס ער דארף און דאס האט גארנישט צו טון מיט וויפל עבירות ער האט יא אדער נישט געטון אין לעבן"

מוהרא"ש לערנט אונז אז יעדער מענטש ליידט, אזוי ווי די הייליגע תורה זאגט, האדם לעמל יולד, אשרי מי שעמלו בתורה, נארמאל טייטשט מען ווייל איז דעם וואס זיין עמילות איז אז ער זיצט און לערנט תורה, אבער ס'איז דא נאך א טייטש, וואויל איז דעם וואס ער מוטשעט זיך צו בלייבן אין די תורה'דיגע וועג.

יעדער מענטש ליידט, איינער זונטאג איינער מאנטאג, איינער ביי די זיבעציג איינער ביי די זיבעצן, איינער פון פרנסה, איינער פון שידוכים, איינער פון מחלות, איינער פון מחלות אין קאפ פון טראכטן זאכן וואס שטערט אים טאג טעגליך.

אפשר ווילט איר נוצן אייער גאלדענע פעדער צו געבן אביסל אקסידזשען פאר מענטשן, זיי דערמאנען אז אין יעדן דור איז דא א זאך וואס הייסט שבט לוי, אפילו אין די ביטערע מצרים איז דא מענטשן וואס זיצן אין גן עדן.

וואס מיינט גן עדן? גן עדן מיינט "צופרידן" "זאט" "אלעס איז גוט" "דער אייבערשטער היט אויף מיר יעדע רגע ס'זאל מיר נישט פאסירן קיין שום שלעכטס"

אפשר ווילט איר מיט אייער האניג'דיגע שפראך געבן אביסל גן עדן פאר מענטשן..... אביסל רחמנות האבן אויף מענטשן וואס האבן שוין פאר טעג און וואכן און חדשים נישט געהערט די אפענע אמונה אז דער אייבערשטער איז דא און ער קען מיר העלפן.....

אפשר קענען מיר זיך אריינשטופן צווישן די מענטשן וואס גיסן אריין אמונה אין די וועלט..... אמונה איז קאלעקטיוו, יעדער גיסט אריין און יעדער געניסט, פאר יעדע איין מאס אמונה וואס איך גיס

אריין אין די וועלט באקום איך צוריק טאפלט, אזוי ווי די פסוק זאגט טובים השניים מן האחד, די רבי זאגט א קליין שפענדעלע קען א קלאץ אונטערצינדן, און אזוי קען מען אויפפלאמען נאך און נאך מענטשן אפילו איך בין נאר א קליין ברעקעלע.

שטעלט אייך פאר איך וואלט אייך געזאגט אז אויב דער צום פינטל שרייבער שרייבט נישט פאר צען וואכן קען ער אין די צייט אריין טרענירן נייע צען גלענצענדע שרייבערס וואס זאלן גרונדן נאך צען אמונה-מאגאזינען וואס זאלן דערמאנען יעדע וואך באזונדער אז דער אייבערשטער וועט העלפן, עס וועט באלד ווערן אלעס בעסער, וואלט איר פארציכטעט אויף דעם צום פינטל שרייבער אוף א קארגע צוויי חדשים? מסתם יא.......

די גוטע נייעס איז אז איך האב עפעס א שפיר אז דער צום פינטל שרייבער טוט אט דאס! איך ווייס נישט וואס און ווען, אבער איין זאך ווייס איך, אז היכל הקודש איז א קהילה פון טוערס, ר' ישעי' פירט די חתונות, ר' אייזיק ומשפחתו זארגן פאר די זאל און פאר די עסן, ר' יחזקאל, ר' שלמה ר' העניך פירן אומאן, ר' שלמה מיט ר' ליפא טיילן עסן, ר' אברהם הערש און ר' שלמה פירן אזוי שיין די האשקי שול, ר' משה נעמט קער מ'זאל באזוכן אידן אין די תפיסות, ואטי כי רוכלא ניזל וניחשיב..... איך בין זיכער אז יעדע וואך וואס דער צום פינטל שרייבער איז נישט אויפן האריזאנט איז ער פארנומען צו פלאנצן קערעלעך אז די קומענדיגע דור זאל זיך קענען שיצן און ווארעמען אונטער די פליגעלעך פון די הייליגע ריינע אפענע עזות דקדושה'דיגע אמונה.

פאר איך האב באקומען פון מוהרא"ש די לעבנס מעדעציין וואס הייסט "זאגן משניות" האב איך זייער ליב געהאט טעאריע'ס (די טייטש פון טעאריע איז "א זאך וואס איז מיך גארנישט מחייב און געבט מיר גארנישט און נעמט מיך אוועק פון מיין פליכט פון יעצט און דא") – דער גרויסער צדיק און חכם מוהרא"ש האט מיך ארויס גענומען פון עולם ה'טעאריע'ס והדמיון והשריפת הזמן והבריחה מן המציאות און מיך אויסגעלערנט אז מ'דארף איינפאקן עסן פאר א לאנגע לאנגע לאאאאנגע וועג.

פאר'ן זאגן משניות און גמרא אליין בין איך שולדיג מיין לעבן פאר מוהרא"ש, ווען נישט דעם צדיק מוהרא"ש וואלט איך נעבעך נאך אלץ געמיינט אז מ'טאר נישט לערנען נאר מיט א חברותא און נאר אין שול און נאר פון האלבער ניין ביז האלבער צען ביינאכט (ווען דאס ווייבעלע מוטשעט זיך מיט פיר קאטשקעלעך וואס טאנצן ארויס פון בעט נאך הונדערט מאל הייסן און צען בלובערי ציפקעלעך במקום הנחת תפלין על היד לזכרון אז ווען א מאמע ציפט מוז מען פאלגן) און נאר אין א טאג וואס מ'טיילט נישט קעז דעלקעלעך מיט מאטיאש אויפ'ן יארצייט טישקעלע.

קומט מוהרא"ש און זאגט אזוי: ווילאנג די ביסט דיך מסדר צו לערנען געהעריג מסודר'דיג, קענסטו עפעס לערנען אזוי ביזדערווייל'עדיג.... ווילאנג דו גייסט באקומען פונעם טערעפיסט דעם שליסל צו שלום בית נאך דריי הונדערט און פינעוויינאכציג סעסיעס פאר האלב פון די רעגולער פרייז פער סעסיע, קענסטו קודם כל אביסל רעדן שיין צו דיין ווייב, ווילאנג דו גייסט פארשאפן נאך דריי לאונס פון הונדערט טויזנט א שטיק צו מסדר זיין דיינע חובות פון צוויי הונדערט פופציג טויזנט דאלאר קענסטו קודם כל באצאלן אביסל יעדן חודש און מפייס זיין דעם מלוה.



במילא, אז איך בין אזוי סאך שולדיג פאר מוהרא"ש פאר אלע שעות פון תורה אזוי "ביזדערווייל'דיג", נו, וואס קען איך באצאלן פאר מוהרא"ש? געלט? וויפל געלט? א טריליאן דאלאר? וויפל געלט איז ווערט אז א מענטש זאל וויסן איך קען לערנען אין יעדע מצב, אין יעדע פלאץ, אונטער יעדע מין פרעשור?

זע איך נישט עפעס אנדערש נאר אז איך בין שולדיג פאר מוהרא"ש צו ברענגען נאך א איד צו פילן דעם טעם פון דורכזאגן ששה סדרי משנה, די טעם פון זאגן איין פרק משניות, ערב פסח, יום כיפור, חול המועד, מוצאי תשעה באב, אין טאג פון א נסיעה, אין טאג פון חתונה מאכן א קינד, אין טאג פון טויזנט ארדערס אויף עמעזאן, אין טאג פון חובות אויף עמעזאן, אין טאג פון א קאנסטראקשן לאון אפראוועל, אין טאג פון א סטאפ ארדער, ועוד ועוד,

איך לאדען אייך איין צו מיין וועטשערע, נאך סאפער, ווען מ'האט שוין געעפנט די חתונה בריוולעך און בילס וואס ליגן אויפ'ן טיש, שוין מסביר געווען פאר די ווייב ווער איז די זיבעטע קאזין וואס האט אונז געשיקט א בריוועלע מיט'ן אויפשריפט "ענד פעמילי" און אפילו צוגעשריבן מיט א פעדער "קענט וועיט טו סי יו ענד דענס דהי נייט אוועי!"

שוין געגעסן אויך די פאפקארן וועטשערע, שוין געגאנגען צום נאש קלאזעט דריי אונד צוואנציג מאל און געשריגן צו די קינדער שטוב מיט א פאפקארן אנגעפולטע מויל "גייטס שפוין אריים אום בעט ווייל איך טייל מכות!"

יעצט פרוביר איינעמען די משניות מעדעצין, די עכטע בארואיגונג מעדעצין, געב אביסל פאפקארן פאר דיין



אויסגעהונגערטע נשמה, יעצט קומט די משניות-וועטשערע, מ'זיצט און מ'זאגט, א מחי', פלוצלונג פילט מען דער הייליגער ר' שמעון בר יוחאי איז דא און ער זאגט "זארג נישט" "אלעס וועט באלד ווערן בעסער"

איך פלעג אויך האבן דיסקוסיעס מיט פילע שרייבערס, אבער היינט האב איך געהאט א דיסקוסיע מיט אדמון און חנן בן אבישלום! יא, גלייב מיר דאס איז עכטע תנאים.... אין מסכתא כתובות, וואיל איז דער וואס האט א דיסקוסיע מיט זיי..... היינט האב איך געהאט א דיסקוסיע וועלכע הלכה איז געווען די ערשטע פלוגתא פון זייט משה רבינו האט געגעבן די תורה אויפ'ן בארג סיני? אזוי אינמיטן "זאגן" גמרא בין איך אנגעקומען ערגעץ צו דעם אז די ערשטע פלוגתא איז געווען איבער די הלכה פון מאכ'ן סמיכה אום יום טוב אויף א עולת נדבה, א עקסטערע זאך בין איך אויך געוואר געווארן אינמיטן "זאגן", אז די הלכה פון סמיכה איז בכל כוחו, ס'איז דאך אזוי מתיקות'דיג צו האבן דיסקוסיעס מיט די תנאים ואמוראים! ס'לוינט זיך צו פרובירן.

א מענטש וואס זאגט יעדן טאג אפילו נאר איין פרק משניות באפאלט אים אזא שלוה'דיגע רואיגקייט אז ער פילט ער מוז דאס געבן פאר נאך מענטשן, אויב דו וועסט אוסנוצן דיין איינס-אין-הונדערט-טויזנט טאלאנט און אריינשיקן אמונה'דיגע סחורה צום בלעטקעלע וועט די פארדינסט זיין דרייפאכיג: 1. די בלעטל וועט האבן א "צום פינטל" שרייבער 2. דער ערשטער צום פונטל שרייבער וועט אנגיין מיט זיין פרישערע ווערסיע פון אמונה-פלאנצונג 3. דיינע שפרודעלדיגע טיפטראכטנדיגע מח קעמערלעך וועלן איבערלאזן עפעס זאכליכעס לאנג נאכ'ן אריבערגיין פון די צייטווייליגע צו די אייביגע.

# צום פינטל.

## שאלאכצלאזע פרוכט

א שטורעם איז אנטשטאנען אינעם לאברעטאריע פון פארשער וואס באפאסן זיך מיט שטודירן פלאנצונגען, פרוכט, גרינצייג, ניס, און דאס גלייכן, עס איז וויכטיג צוצוגעבן אז די פאלגענדע אויפדעקונג האט פאסירט אינעם זעלבן איינהייט וואס האט מיט צוויי צענדליגע יאר צוריק סוקסעספול ערצייגט און אריינגעברענגט די סיעדלע"ס פרוכט - אין די פרוכט און גרינצייג מארקעט - דאס האט שוין ווי כמעט איבערגענומען דאס גאנצע הארוועס"ט אינדוסטריע, ווי מיר אלע זענען עדות אז מען קען שוין זעלטן היינט געפינען סיי וועלכע געוויקסן וואס פארמאגן אין זיך קערנדלעך.

אונזער געשעעניש איז פארגעקומען בשעת א רוטינע שטודירונג, ווען עס איז בטעות אויסגעמישט געווארן די נישט ריכטיגע קעמיקאלן, און ווי פארשטענדליך האט מען נאכנישט געוויסט אז דאס האט פאסירט, אבער ווען עס איז דערנאך אראפגעשיקט געווארן צום ספעציעלן פארעם, ווי זיי טוען פארפלאנצן די פרישע פרוכט פון זייערע עקספערימענטן, האט זיך ארויסגעשטעלט צו יעדנ'ס וואונדער אז עס איז ארויסגעוואקסן א נייע מין ניסל, די פארמער האבן נישט געקענט צוזיך קומען ווען זיי האבן אנגעהויבן זען ביי די מאנדל ביימער - וואס ווי באקאנט טוען די מאנדל ביימער גאר שנעל ארויסשפראצן - אז עס איז ארויסגעוואקסן גרייטע מאנדלען אנע שאלאכץ דערויף, קוים קענענדיג פארדייען וואס זיי האבן דא מיטגעהאלטן, זענען זיי ווידער שאקירט געווארן ווען זיי האבן געזען דאס זעלבע חזר'ט זיך איבער ביי די פינאטס, ווי אנשטאט וואקסן שיין פארפאקט אין אינטער ערדישע זעקלעך, אין א בחינה פון 'קויפט איינס און באקומט דער צווייטע בחינם', אנשטאט דעם זענען זיי שיין געוואקסן אנטבלויזט, צענדליגער פינאטן אויף דער זעלבער צווייג.

ארויסגעשטעלט האט זיך עס אז דאס איז געווען די ארבעט פון א יונגער סטודענט, א פרישע קאלעגע אינעם לאבראטאריע וואס האט פארנאכלעסיגט זיין ארבעט, און האט בטעות אריינגעמישט די נישט ריכטיגע געמיש, און אזוי ווי רוב נייע ערפינדונגען ווערן ערצייגט בטעות - איז ער אויך אויפגעקומען מיט א נייע חידוש אין עולם ה'געוויקסן.

עס האט זיך באלד אנגעהויבן א רייץ צווישן די עקספערימענטן, וואס הייסט... א נייע וועלט... ביז יעצט האט מען געוויסט פון קערל-לאזע פרוכט און גרינצייג, אבער דא איז אנטוויקלט געווארן א נייע דערהער, מען האט אנגעהויבן שפעקולירן פון פארשידענע געוויקסן וואס מען וואלט בענעפיטירט אז מען דארף זיך נישט מוטשען זיי אפצושיילן, איך זאג נישט אז ביי באנאנע'ס וואלט עס געווען די בעסטע געדאנק, אבער מאראנצן אן שאלאכטץ, אפגעשיילטע

עפל גרייט אויפן בוים, טענדזשרינען ראוי לברכה, גראדע נישט אזא שלעכטער פראדוקט... סערווירן פרייטיג צו נאכטס ביים שלום זכר, זיך נישט ברויכן מוטשען זוכן דעם עפענונג, ומתן שכרו בצידו די גערוך פון די פריש אפגעשיילטע קלעמענטינען וועט דיך נישט באגלייטן א גאנצן שבת... עפעס א קלייניקייט.

קיינער האט נישט געהערט די נייעס? אפילו אין טשיקאווע שטיבל האט מען נישט גערעדט דערפון? איך חלום? אדער עס איז סתם א וועג פון ארויסברענגען א פינטל... איז לאמיר לייגן אלע שפעקולאציעס אין א זייט, עס איז ממש משיח'ס צייטן, שאלאכטצלאזע ניסעלעך, א נייע וועלט. שטעל דיך פאר פסח אן קיין ניסל קראכער...

אויב מען קען ערצייגן אלע סארטן פרוכטן און גרינצייג אנע שאלאכטץ... פרוכט מילא, איך ווייס נישט ווי א גרויסע אויפטו עס וואלט געווען, אבער ווען מען קוקט אויף די פארשידענע ערליי ניס... איך קען נישט קיין ניסעלעך אויף אויסענווייניג, אבער אדרבה געב א קוק אין פרידזשעראטאר אויף די טאץ פון געמישטע ניסעלעך וואס זענען פארבליבן פון חמשה עשר (2 בשבט בלע"ז), די אלע קומען יעצט שוין געשיילט, אבער וואס וואלט געווען שלעכט ווען מען קען גיין לכתחילה אריבער, זיי ווערן באשאפן אן די הארטע שאלאכטץ ארום?

די סייענטיסטן האבן זיך צוגעכאפט צו דעם ווי צו א געבראטענס, מען האט זיך שוין געגרייט צו פאמפן די נייע אייטעם, מען האט אנגעהויבן פאבריצירן קראנטע שטודיעס...! ווי אומגעזונט שאלאכטץ איז, און גלייכצייטיג ארויסגעהויבן די געוואלדיגע בענעפיטן פון שאלאכטצלאזע פרוכט און גרינצייג, עס איז אויפן פלאץ ערצייגט געווארן פולע שטודיעס אז אלע צרות קומען פון שאלאכץ, אזש דאס גאנצע גלאבאלע אנווארעמונג איז צו פארדאנקען די פולע פרוכט אפשיילונגען וואס וואלגערן זיך...

עס איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן... זיי זענען געווען אזוי פאר'שיכור'ט פון זייער פרישער אויפטרעף אז וואס מען האט פרובירט זיי מסביר זיין איז אלץ געפאלן אויף טויבע אויערן, זיי האבן נאר געוואלט אריינברענגען דעם נייעם אור אין די וועלט...

אבער נישט צו לאנג האט גענומען ביז ווען זיי האבן זיך אויפגעוועקט פון זייער שכרות, און נאכן פרובירן אריינצוברענגען דעם חידוש אין פראקטיק, זענען אלע פרוכטן אלע גרינצייגן און אלע ניסלעך שוין נישט געווען צום געפינען, די געוויקסן זענען ממש ווי אנגעגרייט פאר די חיות און פייגל אויף צו עסן.

עס האט זיך אויסגעשטעלט אז די שמחה זייערע איז געווען פריצייטיג, ווען מען איז געקומען צום קלויבן די ניסלעך איז שוין גארנישט געווען וואס אראפצונעמען, און ווי פארשטענדליך איז מיט דעם די סומאטוכע פון שאלאכצלאזע פרוכט געקומען צו אן ענדע נאך איידער עס האט זיך אנגעהויבן.

ביי די בני תורה איז אנטשטאנען אן ערנסטע פולמוס: לי יצירה עס וועט אויספאלן חמשה עשר בשבט אום שבת שירה קען מען יוצא זיין ידי שניהם מיט אזא פינאט בוים, מען וועט דאס איינפלאנצן גענוג אין צייט אז עס זאל וואקסן שבת שירה - חמשה עשר, און די פייגלעך וועלן דאך קומען צו א גרייטע סעודה, אין אזא פאל וועט מען לכאורה נישט דארפן אויסלייגן פאר זיי קיין ברעקלעך, און גלייכצייטיג וועט מען האבן יוצא געווען דעם חמשה עשר.

נישט מיר נישט דיר, עס איז געווען א שטיקל קלאפ פאר דעם יונגן סייענטיסט, ער איז שוין געווען זיכער אז ער וועט באקומען דעם מעדאל פונעם יאר הונדערט... אבער אז עס האט זיך נישט אויסגעארבעט האט ער שוין יעצט נאר זיך געבראכן קאפ און פרובירט צו פארשטיין ווי אין דער וועלט

דער פינטל פירט אונז יעצט שוין ווייטער, איך האף אז נישט ערגעץ אין איינע פון די ווייטע סטעיט'ס... אפשר גאר צום אומאידענטיפיצירטע לענדל (עגיפטן) אין אפריקע.... אדער צו א פלאץ פון געפארפולע שלענג... און גראדע איך האב פאר אייך גאר פרישע נייעס דאס מאל איז דער פינטל דווקא ביי אייך אינדערהיים.

מיר טרעפן זיך זייער אסאך מיט דעם שאיפה, מיט דעם דמיון, עס וויל זיך אונז זייער, נישט מער און נישט ווינציגער ערצייגן שאלאכצלאזער געוויקסן, נישט כאפענדיג אז מיר געפינען זיך אין די שיך פונעם אומערפארענער סטודענט.

עס איז אינדערפרי... א שווערע דעפרעסיע ליגט אויסגעשפרייט אין אלע ביינער... פארוואס האט די זון אויפגעשיינט היינט... די וואלקענעס באדעקן אויף צו להכעיס דעם שיין פונעם זון, עס האט נישט קיין זון אויפצושטיין.

היינט? היינט איז דאך א יומא ד'פגר'א, א געפייגערטע טאג, אבער מיט אלע מפרשים, אדרבה קוק אין די מפרשים וואס זיי שרייבן אויף יומא דפגרא... פשוט א געפייגערטע טאג.

אזא טאג איז שוין נישט געווען זייט... איך ווייס נישט ווען... (אויב איך מעג אייך דערמאנען? זייט נעכטן...) די קינדער צעווילדעוועט, פאלגן נישט נאך צען מאל הייסן, דאס ווייב איז נישט אין די בעסטע גיסטע, און פון מיר שמועס איך נישט...

וואס איז די מעשה דא? וואס איז די ענין פון די אלע טעג? וואס גייט פאר דא? ממש פארקערט ווי מען האט געלערנט אין חדר... קודם די לינקע... און נאכדעם די אמממ... די רעכטע? עס איז דא בכלל אזא זאך... איך דארף אנהייבן אלעס מיט די לינקע פיס.

א קליינע דוגמא פון מיין היינטיגע טאג, האסט אמאל געהערט דעם אויסדרוק 'פאר יעדע דאלער וואס איך האב פארדינט היינט האב איך דערלייגט צוויי', עס איז א שיינע וויץ וואס מען קען דערפון לאכן, אבער נישט ווען עס איז היינט טאקע ביי מיר.

פארהאן טעג וואס איז רוטין, עס איז געהעריג, זייט וויסן! אז געוועהנטליך אזא טאג איז נישט דא קיין גרויסע מוציא וואס ארויסצוכאפן דערפון, דאס זענען די נארמאלע טעג, דערנאך זענען דא טעג וואס באהאלטן אין זיך אזעלכע פיינע פרישע זאפטיגע פירות, עס איז דא אזויפיל ארויסצונאשן פון די טעג, אז מען מוז באשאפן א שאלאכץ א רינג און ארום, עס איז טאקע הארט, עס איז טאקע שווער צו האקן און קייען שטרוי ביז מען דערזעט זיך אריין אינעם טאג, צומאל לאזט מען אזא טאג אפשימלען, טאקע דערפאר ווייל מען איז מאכטלאז מוטלאז זיך צו נעמען אויפקראכן די הארטע שאלאכץ ארום דעם ניס, אוי איז דאס אן עבודה, אבער צופיל ברירות זענען נישט דא, מען מוז באהאלטן די טייערע טעג פון די נישט גוטע.

דאס איז מיט טעג וואס א הארטע שאלאכץ טוט זיי ארומנעמען, אבער פיל אינטערעסאנטער איז ווען דאס געשעהט ביים מענטש.

זאג מיר נישט... דער קינד איז אנגעקומען ביי דיר אין כיתה? אך, א רחמנות, עכטע שווערע נאטור... דאס קינד וואס אלע באצייכענען אלס א שווער קינד.

דו ארבעטסט צוזאמען מיט אים? דו גייסט אריין גלייך אין גן עדן... דער יונגערמאן וואס אלע באצייכענען אלס א שווערע מענטש.

דער? פרעג בעסער נישט, דער איז נעבעך ביטער אריינגעפאלן, ווייסט וואסערע פרוי ער האט באקומען... די פרוי וואס אלע ווייסן... וואף... אזא ביטערע פרוי...!

און על אחת כמה וכמה אז איך בין דער, וואס קיינער ווייסט טאקע נישט, אבער איך

ווייס דאך יא ווער איך בין... א שווערע הארטנעקיגער, ממש א הארטע ניס, מיט קיינעם קום איך מיך נישט אדורך, מיט מיר אליין זיכער נישט, דער איינציגער מיט וועם איך פארשטיי מיך איז מיט מיין יצר הרע! על מה עשה השם ככה, אהוי איך בין אזוי פארלוירן, אוי אהוי פארוואס בין איך בכלל געבוירן, אלעס שוין פרובירט, און גארנישט זיך גערירט...

געדענק! דאס האט מען אזוי געמוזט מאכן פון הימל, ווייל עס ליגט טאקע דארט, דארט אין די שווערע טעג, אין די שווארצע מינוטן, אין די הארטנעקיגע פערזאנען, דארט ליגן באהאלטן אזוינע אוצרות, חס ושלום ווען עס ווערט געבוירן אלעס כשורה מיט גרינגע נאטורן, אוי ווי וואלסטו נעבעך פארפארן, דאס האט דער אייבערשטער געמוזט אזוי באשאפן, כדי עס זאל זיין שווער פאר די נישט גוטע, זיי וועלן זען אזא מין משנה הבריות וועלן זיי אלע זאגן, פיין לאז אים פאר ברסלב, לאז אים פאר די 'גוטע', זאלן זיי זיך פארענגן מיט דעם הארטער ניסל, אזוי קען מען ארויס'קעש'ן פון דארט די ריכטיגע פיינע זאפטיגע פירות וואס טוט זיך פארקערפערן אונטער די הארטע שאלאכטץ.

עס איז פונקט פארקערט ווי דו האסט געטראכט ביז יעצט, עס איז נישט: ווייל דער איז א משונה קרן וועגן דעם לאז אים גיין צו די גוטע!

ניין ווייל ער געהער צו די גוטע וועגן דעם האט מען אים באהיטן פון אריינפאלן ביי די נישט גוטע!

נו? האסט נישט געטראכט אזוי?!

**ויעמד העם מרחק ומשה נגש אל הערפל אשר שם אלקים**, זאגט דער הייליגער רבי, דער פאלק ווען זיי זעען א וואלקן, שטייען זיי פון דערווייטענס, עס איז נישט, עס איז נישט פאר מיר, אבער משה דער צדיק, ער גייט דווקא אריין אינעם וואלקן, ער ווייסט דעם סוד אז דייקא דארט, דארט איז דער אייבערשטער באהאלטן.

די טעג וואס זענען ארומגענומען מיט א שווערע געדיכטע נעפל, **די נשמות וואס זענען ארומגעמען מיט א שווערע דיקער שאלאכטץ**, דאס איז בלויז דערפאר ווייל עס ליגט דארט עפעס גאר זאפטיג, עפעס וואס די חיות און פויגל קענען ארויסרייסן פון דארט.

דא מאכט זיך אבער דער עיקר פראבלעם, דער מענטש איז אויך געוועטליך כח-לאז און צו שוואך צו גיין שיילן דעם הארטן ניס, ווען נישט וואס מיר זענען אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן און זיינע הייליגע תלמידים וואס לערנען אונז וויאזוי מיר קענען אראפנעמען א שיכט (לעיעע"ר בלע"ז) נאך א שיכט פון דיקע שאלאכטץ.

איך מיין אז איר זעט אז עס פעלט דאס פינטל, עס איז א הערליכע משל און א הערליכע נמשל אבער ווי וואס ווען, יעמוד יעמוד יעמוד... ביסט מכובד נעם דיר די ניסל מיטן שאלאכטץ מיטן וואלקן מיט אלע סייענטיסטן און קענסט מיר זאגן וואס מען קען טון מיט דיין נייע ערצייגטע ווארט 'שאלאכטץ דאט קאם'.

**אה! הייליגע באשעפער האסט מיר געגעבן די טאג איך האב נישט קיין אאאאאנונג וויאזוי מען טרעפט דאס גוטס אין אזא ביטערע טאג.**

**גאט אין הימל האסט מיך באשאנקן מיט א קינד/ווייב/מאן וואס איז דאך אזא מין גוטסקייט... אבער איך ווייס נישט וויאזוי מען טרעפט דאס גוטס דארט.**

**טאטע זיסער דו האסט מיך באשאפן מיט אזא גוטע מתנה, עס מוז זיין אז עפעס זאפטיג ליגט אין מיר אבער איך זע נאר א פאראהארטעוועטע פארראסטערטע דיקע שאלאכץ, אפשר גאט אין הימל זיסער באשעפער ווייזטו מיר עפעס א קליין שפאלט אין דעם דיקן שאלאכץ איך זאל נישט גיין אין קבר אריין אזוי ווי איך בין געקומען.**

אה! א שיינער ניסל קראכער... א אלטער קראכער... אבער א גוטער קראכער... א ווירקזאמער!

היכל הקודש

# נייעס

אלוועטליך

## אכטע יארצייט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו



די וואך איז געפראוועט געווארן די יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אין אלע בתי מדרשים וואו עס געפינט זיך א בית המדרש היכל הקודש איבער די גאנצע וועלט, מען איז זיך צאמגעקומען און איבערגעחזר'ט די לימודים וואס מוהרא"ש לערנט אונז, אזוי ווי דער ראש ישיבה ברענגט עס אריין אין אונז.

אין אמעריקע האט מען געהערט דעם שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט געגעבן דעם שיעור אין ישיבה און מען האט דאס צוגעהערט אין אלע בתי מדרשים היכל הקודש וואו מען איז זיך צאמגעקומען לכבוד די יארצייט, דער ראש ישיבה האט איבערגעחזר'ט וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן, מען זאל רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך אלעס וואס ליגט אויפן הארץ, אזוי אויך זאל מען לערנען יעדן טאג שיעורים כסדרן, און אז מען זאל זיך פירן אינדערהיים מיט די גרעסטע מאס שלום.

נאכן שיעור פונעם ראש ישיבה האט מען אויפגעשפילט א שטיקל שיעור פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס שמועסט דארט אויס די שיינקייט פונעם דרך הלימוד וואס איז געמאכט פאר יעדן איד אין יעדן מצב, נישט קיין חילוק וועלכע עבר מען האט געהאט, מוהרא"ש זאגט דארט אז ער איז געווען גאר א ווילד אינגל און ער האט נישט געהאלטן ביים לערנען, די מלמדים אין חדר האבן אים געשלאגן, אבער עס האט נאר ערגער געמאכט די מצב, ביז ער האט זוכה געווען צו טרעפן דעם סדר הלימוד און האט אנגעהויבן לערנען און אזוי אויסגעוואקסן א גרויסער צדיק.

ירושלים

## א יאר פונעם עפענונג תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים




אין די יעצטיגע טעג ווערט א יאר פון ווען מען האט געעפענט די טויערן פון תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים, מען האט געעפענט מיט איין מלמד און אפאר קינדער ביי איינעם אין שטוב, וואס איז געווען גרייט צו אוועקגעבן א צימער פאר'ן חדר, צוביסלעך האט זיך עס פארגרעסערט און פארשפרייט, מען האט געעפענט נאך א כיתה, נאכדעם וואס עס זענען אריינגעקומען מער קינדער.

דער ראש ישיבה האט דעמאלט געשריבן פאר אנשי שלומינו אין ארץ ישראל: די שמחה ביי אונז איז זייער גרויס אז מען האט געעפנט א חדר אין ירושלים; מיר האבן אזוי געעפנט אונזער חדר שנת תש"ע מיט געציילטע קינדער. דעמאלט איז דאס געווען דער גרעסטער חוזק; נישט חוזק פון די גאס, חוזק פון היכל הקודש! קיינער האט נישט אריינגעשיקט די קינדער, איך האב געפרעגט מוהרא"ש אויב איך קען אויפהענגען א צעטל אין בארא פארק שול ביי מוהרא"ש, מוהרא"ש האט געהאט די שליסל פון די בולעטי"ן באר"ד וואו מען הענגט די צעטלעך, מוהרא"ש האט געעפנט די טיר און מיט א שמייכל מיר געהייסן ארײנלייגן די צעטל, מוהרא"ש האט פאררעכטן צוויי ווערטער; איך בין געווען זיכער אז אלע גייען ארײנלייגן די קינדער, איך בין געווען צו שאנד און צו שפאט, אלע האבן געלאכט...

איך האב אויף קיינעם נישט געקוקט, איך האב סיי ווי נישט געהאט קיין ברירה, איך האב געדארפט א מוסד פאר מיינע קינדער; היינט קוק איך צוריק, זאג איך איין ווארט: "שכוח אייבערשטער!"



# מעשיות פון תפילה

**משפחות אין שטעטל:**

ווי אלע האבן מיטגעהאלטן איז געווען פארגאנגענעם שבת בשלח שטארקע פראסטן און גרויסע ווינטן, דער עולם האט זיך אנגעטון ווארים פארן ארויסגיין אין בית המדרש, מען איז געגאנגען אין שול מיט די קינדער אפילו עס איז געווען קאלט.

למעשה פון די שטארקע ווינטן האט פאסירט אז די לעקטער האט זיך אפגעהאקט אינמיטן שבת, סיי ביי די האשקי געגענט און אויך ביי די טווין ברידזש געגענט, פארשטייט זיך אז גלייך האבן אלע אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז די לעקטער זאל זיך צוריק אנצינדן, כדי עס זאל ווייטער זיין ליכטיג אין הויז, עס זאל זיין וואסער, און הייצונג, וואס אלעס ארבעט אויף לעקטער.

שכח אייבערשטער אז עס האט נישט גענומען צו לאנג און די לעקטער האט זיך אנגעצינדן ברוך השם.

**פנחס דוד וועבערמאן - קרית ברסלב:**

ברוך השם דער אייבערשטער האט מיך געגעבן א מתנה - א געזונטע אינגל בעבי, שכח אייבערשטער פאר אלע ניסים וואס דו טוסט מיט מיך.

איך האב אנגערופן איינע פון די קימפעטארן היימען נישט וויט פון שטעטל פרעגן אויב זיי האבן א שטוב ווי מיין ווייב וועט זיך קענען אפרוען בעזר השם, צום באדויערן איז די ענטפער געווען אז נישט, ברוך השם אידן פארמערן זיך, כן ירבו וכן יפרץ, זיי האבן נישט קיין איין פריוואטע שטוב עווײלעבל.

איך האב געטראכט אז איך וועל בעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן יא האבן א פריוואטע שטוב, מיט תפלה קען מען דאך אלעס פועל'ן; אזוי האב איך טאקע געטון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן יא האבן א פריוואטע שטוב עווײלעבל.

א טאג דערויף רופן זיי מיך צוריק, און זיי זאגן מיך אז די לעצטע מינוט האט איינער צוריקגעצויגן, פארוואס ווייס איך (אויך נישט...), ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, און זיי האבן א פריוואטע צימער גרייט צום פארדינגען.

שכח אייבערשטער.

**שלמה רוטה - קרית ברסלב:**

די הייצונג אין מיין שטוב האט זיך צובראכן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די הייצונג זאל ווערן פארראכטן ווי שנעלער, ווייל די קעלט איז גאנץ שטארק די לעצטע פאר טעג, שכח אייבערשטער אז עס איז געווארן פארראכטן על צד היותר טוב.

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די אויל וואס מען ניצט פאר די הייצונג זאל נישט פארפרוירן ווערן אין די גאר שטארקע קעלט, שכח אייבערשטער עס איז נישט געווארן פארפרוירן.

**מרדכי לייב טירנויער - קרית יואל:**

שוין א לענגערע צייט וואס דער ראש ישיבה האט מיר געגעבן אפאר שיעורים צו לערנען יעדן טאג, א לאנגע צייט איז עס געפארן פיין ברוך השם, נאך א שטיק צייט האב איך געשפירט אז עס גייט נישט אזוי גרינג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל יא זיין מעגליך ווייטער צו לערנען יעדן טאג מיינע שיעורים כסדרן, און שכח אייבערשטער אז איך גיי ווייטער אן מיט דעם יעדן טאג, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שבט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער חַבֶר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאְרְן מְנַדֵב זַיין דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה.

וִויפִיל מִיר זָאלְן נָאר רֶעדְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, קֶען מֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן צוּ דֶערְצֵיילְן וֶוער מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען. מִיר דַארְפְן נָאךְ מַאכְן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאלְן מַאכְן אַ סֶערְוֶועי אוּן אוֹיס פְרֶעגְן אַלֶע מְקוּרָבִים אִין בְּרֶסְלֶב וִוי אַזוֹי אַלֶע זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט מֶען זֶען אַז רֻבָּם כְּכוּלָם זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט גֶעדְרוּקְט אוּן פַארְפְלֵייצְט צֶענְדְלִיגֶער מִילְיָאנֶען סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַנְדֶערֶע מַנְהִיגִים אִין בְּרֶסְלֶב, דַארְף מֶען פְרֶעגְן שְׁטִילֶערְהֵייט דִי מַנְהִיגִים וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט מֶען זֶען אַז **מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵיי אַלֶע מְקָרֵב גֶעוֶוען.** דוּ אַלֵיינְס הָאסְט מִיר פַארְצֵיילְט אַז דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ אַ סֵפֶר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ ז"ל.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ מִיט דַיין טָאכְטֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער. דַיין חָתָן הָאט מִיר גֶעזָאגְט בַּיים תְּנָאִים אַז עֶר הָאט שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶוען כַּמָה פְּעָמִים שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן עֶר גֵייט שׁוֹין מְסַיֵים זַיין שַׁ"ס בַּבְלִי - **אַלֶעס בִּזְכוּת דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן**; דֶער גְרִינְגֶער וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### גוּטֶע גְרִיסְן

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט פַארְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה, אוּן בַּיי דִי חֲתוּנָה אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ דַיָין אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר קֶען נִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר מוּז מִיר פַארְצֵיילְן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דִי וָואךְ מִיט אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, אוּן עֶר הֵייבְּט מִיר אָן צוּ פַארְצֵיילְן אַזוֹי: "אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער פוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן אִיךְ פְרֶעג אִים וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפֶּעס? עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט יֶעצְט אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ, אוּן עֶר זָאגְט מִיר וַוייטֶער אַז עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא", זָאגְט מִיר דֶער דַיָין: "**אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן; אִיךְ פְרֶעג אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הֶערְט זִיךְ, אוּן אִיךְ מֵיין צוּ פְרֶעגְן וֶועגְן פַּרְנָסָה, אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט מִיר פוּן זַיינֶע שִׁיעוּרִים**".

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע חַיוּת - וֶוען אִיךְ הֶער צוּרִיק אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי לֶערְנֶען אוּן זֵיי פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין. דֶער דַיָין אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן וִוי סְתַּם אִינְגֶעלַייט.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיר זָאגְן כְּסֵדֶר: "**מַיין גַאנְצֶע חַיוּת אִיז וֶוען אַ בָּחוּר אָדֶער אִינְגֶערְמַאן קוּמְט מִיר זָאגְן אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם**"; אוּן אֵיין מָאל אִינְמִיטְן זוּמֶער הָאט מִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶערוּפְן, אוּן דֶער גַאנְצֶער שְׁמוּעֶס אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה וָואס וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וֶוען נִישְׁט דִי יְשִׁיבָה אוּן וֶוען נִישְׁט דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד'.

# א מעשה
# פון א צדיק



## אַ עוֹשֶׁר און אַ בְּלִינְדֶער

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים צְוֵויי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת, אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַן עוֹשֶׁר אוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בְּלִינְדֶער.

**דֶער מַעֲשֶׂה מִיטְן עוֹשֶׁר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי:** עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, זֵייעֶר אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַמְצָן, אַזוֹי רַייךְ וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קַארְג אִיז עֶר גֶעוֶוען, אוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט פְלֶעגְן אִים שֶׁעלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת. וֶוען עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִים בַּאצָאלְט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט, מֶען הָאט אִים מְבַזֶה גֶעוֶוען בִּשְׁעַת זַיין לְוַיָ', אוּן בִּשְׁעַתְ'ן מְקַבֵּר זַיין הָאט מֶען גֶעשְׁטֶערְט דִי קְבוּרָה, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז אִים טָאר מֶען נִישְׁט מְקַבֵּר זַיין וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַמְצָן, אוּן פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט קַיין כְּבוֹד הַמֵּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.



אַזוֹי וִוי עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אִין שְׁטָאט, וַוייל דֶער בֶּעקֶער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין בְּרוֹיט מִיט חַלוֹת פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט, אוּן דֶער פְרוּכְט סוֹחֵר הָאט מֶער נִישְׁט פַארְקוֹיפְט פַאר דִי עֲנִיִּים קַיין פְרוּכְט אוּן גְרִינְצֵייג, דֶער בּוּטְשֶׁער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין פְלֵייש פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט. וֶוען מֶען הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זֵיי גֶעבְּן מֶער נִישְׁט קַיין עֶסְן, הָאבְּן דִי סוֹחֲרִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז בִּיז יֶעצְט פְלֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר אוּנְז גֶעבְּן גֶעלְט אוּן עֶר הָאט אוּנְז בַּאשְׁוואוּירְן אַז מִיר טָארְן נִישְׁט פַארְצֵיילְן אַז עֶר גֶעבְּט דִי גֶעלְט, פַארְקֶערְט נָאךְ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים הַאלְטְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער קַמְצָן, אוּן הֱיוֹת אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן קֶענֶען מִיר מֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶסְן.

**נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַארְצֵיילְט:** עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל מְנַגֵּן וָואס פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין צוּ חֲתוּנוֹת זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן, אוּן וִוײַבַּאלְד בַּיי חֲתוּנוֹת אִיז דָא אַסַאךְ פְרוֹיעֶן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר אִיז בְּלִינְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְקְלֶעבְּט דִי אוֹיגְן אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז טַאקֶע בְּלִינְד. וֶוען דֶער בַּעַל מְנַגֵּן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער סוֹד אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בְּלִינְד, נָאר וִוײַבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ פַארְבִּינְדְן זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז בְּלִינְד.



דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע תַּלְמִידִים: "זָאגְט מִיר וֶוער אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער, דֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בְּלִינְד זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן קוּק, אָדֶער דֶער עוֹשֶׁר וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ קַמְצָן, אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיין גֶעכַאפְּט בִּזְיוֹנוֹת, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעשָׁאלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט?" דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג צֶעקָאכְט פוּן בֵּיידֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"בֵּיידֶע זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס"**, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: **"אִין הִימְל קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מַכְרִיעַ זַיין וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער".**

זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז דָא צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן בִּכְלַל וֶוער זֵיי זֶענֶען, אוּן פַארְקֶערְט, מֶען אִיז זֵיי מְבַזֶה אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף זֵיי, אָבֶער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עצתו אמונה יתרו תשע"ז)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פארזעצונג |

**- כ' -**

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אָדֶער אִין זַיין צִימֶער וואוּ עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ דָארְט אַיינְשְׁפַּארְן, אָדֶער אִין דִי טִיפֶע פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער צְווִישְׁן דִי בֶּערְג, אוּן זַיין ווַייבּ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט וָואס דֶער רֶבִּי אִיז בֶּאֱמֶת.

***

אֵיינְמָאל אִיז זַיין שְׁוֶוער גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן גֶעפְרוֹירֶענֶעם טַייךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער רֶבִּי שְׁפִּילְט זִיךְ דָארְט מִיט אַנְדֶערֶע, זֵיי גְלִיטְשְׁן זִיךְ אוֹיף דִי אַייז, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ. עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז זַיין אֵיידֶעם, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אִיז נָאר פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן אוּן צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט אַסַאךְ צַעַר.

ר' אֶפְרַיִם, דֶעם רֶבִּינ'ס שְׁוֶוער, אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַכְנִיס אוֹרְחִים, אוּן אַסַאךְ צַדִיקִים פְלֶעגְן אוֹיךְ אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים, הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶס אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים אַ גְרוֹיסֶער בַּאקַאנְטֶער צַדִיק, פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע, אוּן ר' אֶפְרַיִם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר אִים זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַז עֶר הָאט גְרוֹיס צַעַר פוּן זַיין אֵיידֶעם, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַן אֵיידֶעם אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דֶערְוַוייל אִיז דֶער אֵיידֶעם נָאר פַארְנוּמֶען זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן, עֶר בְּרֶענְגְט אָן דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, "אַזוֹי וַוייט הַאלְט עֶר שׁוֹין, אַז עֶר הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרֵי" - הָאט ר' אֶפְרַיִם גֶעזָאגְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶע.

דֶער צַדִיק הָאט דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען אַזֶעלְכֶע לָשׁוֹן הָרַע'ס אוֹיף אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר צוּרִיק גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ ר' אֶפְרַיִם אַז דָאס קֶען זִיכֶער נִישְׁט זַיין אֱמֶת. ר' אֶפְרַיִם הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעלָאזְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְ'ס אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט גָארְנִישְׁט, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט נָאר דִי צַייט, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרֵי.

דֶער צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' אֶפְרַיִם אַז מְ'זָאל אִים בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֶועט אִים פַארְהֶערְן צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר קֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט לֶערְנֶען אוּן לֵיינֶען. ר' אֶפְרַיִם הָאט גֶערוּפְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ דֶעם צַדִיק, אוּן דֶער צַדִיק הָאט גֶעעֶפְנְט אַ מִשְׁנַיוֹת מַסֶכֶת בָּבָא קַמָא פֶּרֶק ב', בַּיי דִי מִשְׁנֶה "הַכֶּלֶב וְהַגְדִי שֶׁקָפְצוּ מֵרֹאשׁ הַגַג", אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן זָאגְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן בַּאהַאלְטְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן, "הַכֶּלֶב וְהַגְדִי שֶׁקָפְצוּ מַארְשׁ"...

דֶער צַדִיק, דֶער גַאסְט, אִיז זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן; עֶר הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט אוֹיפְוַוייזְן פַאר ר' אֶפְרַיִם אַז זַיין אֵיידֶעם לֶערְנְט יָא, אוּן דָא זֶעט עֶר אַז דֶער רֶבִּי קֶען טַאקֶע אֲפִילוּ נִישְׁט לֵיינֶען דִי עִבְרֵי. אוּן ר' אֶפְרַיִם הָאט נָאךְ צוּגֶעגֶעבְּן אוּן גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַייךְ גֶעזָאגְט פָארְאוֹיס אַז אֲפִילוּ דִי עִבְרֵי הָאט עֶר שׁוֹין פַארְגֶעסְן". פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער צַדִיק נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן דָארְט אַ מַחְלוֹקֶת, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִין פָארְנְט פוּן זַיין שְׁוֶוער.



שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן הוּנְטֶערְן הוֹיז וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר אוֹיסְצוּ'מוּסַרְ'ן דֶעם רֶבִּי'ן, "ווִי פַּאסְט דָאס? דוּ בִּיסְט דָאךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, אוּן דַיין שְׁוֶוער הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר נַדְן צוּלִיבּ דַיין גְרוֹיסְן יִחוּס, אוּן לְמַעֲשֶׂה לֶערְנְסְטוּ גָארְנִישְׁט?! אוּן אֲפִילוּ דִי עִבְרֵי הָאסְטוּ שׁוֹין פַארְגֶעסְן?!", אוּן אַזוֹי אִינְמִיטְן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, הָאט דֶער צַדִיק אַרָאפְּגֶעלָאזְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן צְוֵויי פֶּעטְשׁ אִין פָּנִים. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גענומען פון ספר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



# רויטע בושות

ישראל דוד העסקעל

**טוביה,** א בחור אין א ישיבה אין בארא פארק, ער איז נישט געווען דער גרעסטער מציון דייקא... אבער גאנץ דורכשניטליך גאנץ א פיינער בחור - די שדכנים האבן געזאגט אויף אים ער איז צו גאט און צו לייט... ער האט נישט געמאכט קיין טראבל, ער האט פרובירט מיטצוהאלטן די סדרים אין ישיבה... אין לאנטש רום איז ער גראדע יא געווען מער פון די ראש המדברים ער האט אלץ געהאט זיסע חלומות, ער גייט חתונה האבן און ער גייט פירן און מאכן און איבערדרייען פרעעצע נישט.

באזונדער האט ער גאר שטארק ליב געהאט זיך צו בארימען מיט זיין רייכן פעטער ווען ער פלעגט נאר אמאל גיין צום פעטער אין שטוב פלעגט ער רעדן פון דעם די גאנצע וואך נאכדעם, ער האט פארציילט איבער זיינע גרויסע ביזנעסער און געשעפטן ער איז אזוי מעכטיג! ער פליט פאר וואקאציע נאר מיט א פרייוועט דשעט... ער האט אזא מין קאר, הערסט?! דו קענסט דיך נישט פארשטעלן! אלץ פלעגט ער חלומ'ען "איין טאג גיי איך ארויסגיין פון די ישיבה וועט ארויסגיין פון מיין טאטעס שטוב... אוי גיי איך דעמאלט ווייזן יעדן וואס איך קען ווארט נאר ווארט".

אזוי זענען זיינע בחור'ישע יארן דורכגעלאפן ער האט זיך געהאלטן אין די סיסטעם ער האט זיך גוט אכטונג געגעבן פון די משגיחים ער האט עס דורכגעשוויצט... ביז איין טאג רופט אים דער מנהל אין א זייט, ער איז שוין ניינצן א האלב דער מנהל זאגט אים אז זיין מאמע האט גערופן ער זאל אהיים קומען!

ער ווייסט נישט וואס צו טראכטן, ער ווערט אביסל נערוועז... איז יעדער געזונט? ער לויפט אהיים פארצווייפלט, אנקומענדיג אהיים זעט ער זיינע עלטערן זיצן ביים טיש מיט א ערנסטע מינע אויפן פנים זיי זאגן אים מ'דארף עפעס וויכטיג דורכרעדן... ווילסט בעסער דא אינדערהיים אדער ווילסט גיין אויף א שפאציר?

דער בחור פארצווייפלט און צומישט שמעקט עפעס... ער וויל שוין וויסן וואס גייט דא פאר... ער זאגט אז דא אינדערהיים איז אים גוט... די טאטע קלארט זיך אויס זיין האלז און הייבט אן מיט אן ערנסטע שטימע - מ'האט עפעס אנגעטראגן! ס'איז גאנץ א פיינע זאך די משפחה איז זייער פאסיג וכו' וכו' גרייט זיך אן אום 5:00 גייט זיין א בעשאוי!

דער בחור איז געכאפט אין שאק, אינעווייניג איז ער פרייליך אבער ער שעמט זיך ארויסצווייזן זיינע געפילן... ער מאכט זיך גרייט, ער מאכט שיין די פיאות דער טאטע זאגט אים עפעס א תורה איבער צוזאגן פארן מחותן...

ער זיצט שוין ביים בעשאוי און מיט א האלב שעמעדיגע שמייכל הייבט ער אן צו שמועסן... פופצן מינוט אריין אין די שמועס איז ער שוין באקוועם ער הייבט



איר אן מסביר זיין זיינע פלענער, אז ער האט בעצם באהאלטענע טאלאנטן וואס קיינער ווייסט נישט, ער איז גרויסע מומחה אין ביזנעס... און די גאנצע זאך איז אפילו נישט קיין סתירה מיטן זיין אין כולל א יאר ווי אפגעשמועסט...

ער פארציילט איר וואסערע חיים טובים עס ווארט איר אפ... ער איז רעאליסטיש ער זאגט איר קלאר, פון אנהויב גייט עס זיין שווער... ס'נעמט צייט ביז מ'זעט רווחים אבער סוף הכבוד לבא...

זי איז זייער אנטציקט, אזא כאריזמאטישער בחור ידו בכל... ער קען אלעס און ער ווייסט אלעס און ער האט אזעלכע קלארע פלענער פשיהא!

דער בחור איז א חתן געווארן אין א מזל'דיגע שעה! זיין ברידער האט געברענגט די ציגארעטלעך ווי פריער אפגעשמועסט... ס'געווען א לחיים, נעקסטע וואך גייט זיין די תנאים... אלע גרייטן זיך... נאך די תנאים זעצט מען זיך צוזאמען די משפחות אויסארבעטן אלע וויכטיגע זאכן לקראת די חתונה. דער חתן ווייסט שוין וועלכע זינגער און שפילער ער וויל... ער פארשטייט אז זיין טאטע קען זיך נישט ערלויבן א קווייער... ער איז א מענטש, ער פארלאנגט עס נישט, אבער וועגן דעם בעט ער זיין טאטע אז זיין "עכטע" שטריימל זאל כאטש זיין א שיינע טייערע!

די הכנות גייען אן פעסט, ער איז שוין אויפן וועג צום קלאודינג אויפפיקן די חתן פעקעדש... ער דארף נאר נאך איינמאל צוריקגיין צום שטריימל סוחר... ער האט שוין די קליינע הזמנות אין טאש פאר אלע זיינע חברים ער איז פולקאם גרייט!

ער שטייט שוין אונטער די חופה ער קנאקט דעם גלאז ס'הילכט אפ א מזל טוב! ער איז חתונה געהאט! די שבע ברכות זענען שנעל דורכגעפלויגן ער טרעפט זיך שוין אינעם קאווע שטיבל פונעם כולל... איינער א לינקער האלט פוןביידען אבער רוב עולם איז מיט טראמפ, ער איז מחליט יא! איך וועל קענען דא אויסהאלטן א יאר...

ער פוילט זיך נישט, ער שפרינגט גראד אריין... בין הסדרים קען מען מיט אים נישט רעדן, ער איז ביזי ס'קומט ריזיגע געשעפטן ס'גייט זיין אזוי מעכטיג!

קודם שפארט ער אפ אביסל ער הייבט אן אוועקלייגן וויפיל געלט ער קען נאר ער האט א נאז פאר פראפערטי... איין זונטאג נאך כולל דינגט ער א קאר ער פארט אראפ קיין נוארק ניו דשערזי דארט זענען "די חברה" יעצט משקיע ער הייבט זיך אן באקענען מיט די מארקעט ער רעדט שוין פון פיקס ענד פליפ, אויף די שפראך קוקט ער זיכער אויס מעכטיג.

ער הייבט אן אביסל האנדלען ער איז אביסל מצליח אבער נישט דאס איז וואס ער זוכט, ער זוכט די ריכטיגע סחורה, די מיליאנען... ער מאכט חשבונות, ער דרייט זיך מיט א פארקנייטשטע שטערן. דארט סוף גאס איז דא א לאָט אויב איך קען איך אויף דעם לייגן א האנט קען מען דארט דעוועלאפען א ריזיגע קאמפלעקס און מסתמא איז עס שפאט ביליג און די לאקאציע איז אויך גאנץ פיין... ער הייבט זיך אן נאכצופרעגן אויף דעם שטח, יא די בעלי בתים זענען גרייט צו פארקויפן פאר נישטיגע פינף מיליאן!

ער טראכט צו זיך 'איך האב טאקע נישט די געלט אבער אויב איך קען עס צוזאמען שטעלן אוי גייט דא זיין רווחים!'

ער דערמאנט זיך פון זיין רייכן פעטער, ער באשטעלט אן אפוינטמענט ער זעצט זיך אראפ, א פיפיגער צונגל האט ער פארמאגט און ער הייבט אן ווייזן נומערן און ברענגען בלו פרינטס ער האט פיקטשערס אלעס קוקט אויס אזוי געוואלדיג!

תכלית, אויב דער פעטער קען מיר בארגן צוויי אהאלב מיליאן קען מען שוין גראד זיך נעמען בויען און דארנאך וועט מען נאך נעמען א פעסטע מארגעדש ס'איז אזוי פארזיכערט.... ממש...

דער פעטער האט הנאה פון זיין פלומעניק ווי ער טאנצט אריין אינעם עולם המסחר... און למעשה צוויי א האלב מיליאן פאר אזא גרויסער עושר מיינט דאך גארנישט ער





פילט עס ניטאמאל ער האט א גוט הארץ ער שרייבט אים אויס א טשעקל פון צוויי א האלב מיליאן דאלאר! מיט א זמן הפרעון פון צוויי יאר דעמאלט גייט זיך אנהייבן פעימענטס פון הונדערט טויזנט דאלאר א חודש ביז די חוב איז אפגעצאלט.

דער אינגערמאן טאנצט ביזן דאך ער קען נישט גלייבן אז ס'איז אים געלונגען ער בטל'ט נישט קיין צייט ער גייט גראד צום קלאוזינג, די לאט איז זיינס, אבער קודם א נייע קאר, אז ער האט יעצט צוויי אהאלב מיליאן דאלאר קען ער זיך ערלויבן א שיינעם גרויסן קאר... ער פיצט זיך אביסל צו ער איז שוין א גרויסער ביזנעסמאן היינט.

מ'הייבט אן ארבעטן אבער ס'שטעלט זיך ארויס איז די ערד אויף דעם לאט איז זייער הארט און מ'דארף האבן גרעסערע מאשינען און ס'גייט נעמען אסאך לענגער...

שוין, נישט געפערליך, גם זו לטובה... אבער ס'האט זיך נישט אפגעשטעלט דא, אפאר שכנים האבן אריינגעגעבן א קלאגע אז זיי ווילן א שטילע געגנט און ער בויעט א ריזיגע קאמפלעקס זיי זענען בשום אופן נישט מסכים!

אזוי איז ער אריין אין קאורט און ס'האט זיך אנגעהויבן שלעפן און שלעפן און דערווייל צאלט ער א ריזיגע מארגעדש און שטייערן אבער מ'קען נישט בויען ווייטער...

אזוי גייט דורך א יאר און א האלב... די לאט האלט נאכנישט אין ערגעץ ער האט שוין אפאר חדשים נישט געצאלט מארגעדש איין טאג באקומט ער א בריוו פון די באנק אז אויב צאלט ער נישט נעמען זיי צו די לאט און עס גייט פארקלאוזשער!

ער עפענט א לוח ס'ווערט אים שווארץ פאר די אויגן נעקסטע חודש דארף זיך אנהייבן די פעימענטס פאר'ן פעטער און ער שטייט בעירום ובחוסר כל, ער איז שוין שולדיג פון אלע זייטן ער זעט נישט קיין וועג ארויס, ביינאכט קען ער שוין נישט שלאפן ער איז פשוט נישט ביי זיך באלד קומט דער טאג וואס ער דארף זיך טרעפן מיטן פעטער אפגעבן דאס געלט ער קען נישט ער שפירט ווי ער האלט עס מער נישט אויס...

דער פעטער זיינער איז געווען זייער א קלוגער ער האט שוין געשמעקט אז עפעס טויג נישט ער האט זיך אנגעהויבן נאכפרעגן ביי זיינע קאנטאקטן אין די הויכע פענסטער וואס די מעשה איז מיט'ן דעוועלאפמענט? און מ'האט אים געזאגט ס'איז א גרויסער אנזעץ די שטח גייט פארקלאושער!

דער פעטער האט געהאט א ווייעך הארץ, ער האט זייער שטארק געוואלט העלפן זיין פלומעניק אבער ער האט אים נישט געוואלט פארשעמען, איז ער איין צופרי געגאנגען און אריינגערוקט אין זיין פלומעניקס טלית בייטל פינף מיליאן דאלאר! אזוי ס'זאל זיין, ער זאל זיך קענען ארויסזען פון זיין פלאנטער.

דער אינגערמאן איינגאנצן מיואש קומט אין שול דאווענען און ער קען עס נישט גלייבן, עפעס א מלאך האט אים דא אריינגעלייגט פינף מיליאן דאלאר! די קאפ הייבט אים גראד אן לויפן וואס דארף איך מיין פעטער... איך האב פינף מעלאנעס איך גיי די געלט אינוועסטן און פאר מיין פעטער וועל איך שוין זאגן אין לי'... און שלום על ישראל...

ס'גייט דורך צוויי וואכן ס'קומט די זמן הפרעון דער פעטער קלינגט אים "ביטע קום אריבער צו מיין אפיס..." ער מאכט זיך דעפרעסט ער קנייטש גוט איין די קאפ אזוי קומט ער אריין צום פעטער אין אפיס און הייבט אן קרעכצן "אוי דער פעטער זאל בעסער נישט פרעגן וואס איז אלס אויף מיר אריבער, די באנק האט אלעס צוגענומען און די שכנים האבן מיר וועקגע'הרג'עט די גאנצע זאך... און די לאקאלע רעגירונגען אזעלכע רשעים כ'מיין אז ס'נאר ווייל איך בין א איד... בקיצור איך בין געבליבן אן קיין פרוטה אין טאש איך בעט דיר פעטער זיי מיר מוחל!"

דער פעטער קוקט אים אן "יא איך ווייס וואס דו ביזט אלס אריבער... אבער האסטו נישט געטראפן פינף מיליאן דאלאר אין דיין טלית בייטל????"

אוי די רויטע בושות אוי די חרפות!

וואס איז די נמשל?

די נשמה קומט אראפ אויף די וועלט ער וויל זיין גוט ער וויל זיין וואויל אבער ער



מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב

רענט קאמפיין

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

פרנס החודש

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו

מו"ה אשר דוב אינדארסקי הי"ו

מו"ה שמעון גאנצפריעד הי"ו

וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש

חודש שבט

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבין'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

פרנסי השנה

מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו

מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו



פלאנטערט ארום, יעדן טאג עפעס אנדערש, א צווייטע נסיון... ער פאלט נעבעך ער געבט זיך נישט קיין עצה!

ביז די טאג קומט און מ'דארף צוריקערן די נשמה צום אייבערשטן, מ'קומט ארויף אויבן און מ'הייבט זיך אן בעטן ביים כסא הכבוד "וואס האב איך געקענט טון איך האב פרובירט אבער איך האב זיך נישט געקענט דערהאלטן... די נסיונות זענען געווען צו שווער..."

גייט מען פרעגן דעם איד וואס הייסט? האסטו נישט באקומען אין דיין טלית בייטל קונטרסים און גליונות דיך צו מחזק זיין???

אוי די רויטע בושות!!!

דו ביזט נאך געווען פארנומען אז מ'האט נישט געהאלטן און דאס טאר מען נישט עפענען... און אזוי האסטו אפגעבערנט דיין לעבן ה"י.

די מעשה האט מיך מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו פארציילט אז מוהרא"ש פלעגט זאגן: ווען א מענטש וועט ארויפקומען אויבן און מען וועט אים פרעגן פארוואס האסטו נישט געלערנט און געדאווענט, אויב וועט ער ענטפערן "איך בין געווען אזוי צובראכן", וועט מען אים צוריקפרעגן "פארוואס האסטו נישט געלערנט ספר אשר בנחל". פארשטייט זיך אז מען האט דאס אהערגעשטעלט מיט א שיינע מעשה ס'זאל זיין א פיינע ארטיקל, אבער די נקודה קומט פון מוהרא"ש.

א גרויסן יישר כח ר' יואל פארן טראכטן פון מיר און מיך מזכה זיין צו קענען שרייבן מאטעריאל וואס וועט האפנטליך ברענגען אידן נענטער צום אייבערשטן!



## א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה
## פרייטאג צונאכטס שמות תשפ״ג - חלק א׳

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי׳ צו מיטהאלטן די דערהויבענע סעודה פון דער ראש ישיבה פאר אלע מפיצים און ארץ ישראל פרייטאג צונאכטס פרשת שמות תשפ״ג אין ירושלים עיה״ק, איך וועל מיטן אייבערשטנ׳ס הילף פרובירן אראפצושרייבן וואס איך געדענק.

דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען צום טיש, ס׳איז געווען הערליך שיין אנגעגרייט פון אלעם גוט לכבוד שבת קודש.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט וויאזוי מ׳זאל מען אויסשטעלן די זיצן, למעשה האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די ארץ ישראל׳דיגע בחורים זאלן זיצן פון פארנט און די אמעריקאנע בחורים זאלן זיצן פון אונטן, ווייל די אמעריקאנע בחורים האבן דעם ראש ישיבה א גאנץ יאר.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: ״איך האב געזאגט פאר די גבאים אז ווען איך קום קיין ארץ ישראל גיי איך מאכן א הפצה פארברענג, די סעודה וועט זיין אנשטאט די הפצה פארברענג״.

פארן זינגען אשת חיל האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט אז בחורים ווערן זייער פרייליך ווען מ׳קומט אן צו אשת חיל, אבער זיי ווייסן נישט אז מען רעדט נישט פון א שידוך, און דער ראש ישיבה האט ארומגעפרעגט ווער ס׳ווייסט פון וואס מען רעדט, האט איינער געזאגט אז אשת חיל גייט ארויף אויפן רבי׳ן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: ״מ׳רעדט דא פון הפצה״. למשל ותקם בעוד לילה - הפצה, חגרה בעוז מתניה - הפצה, טעמה כי טוב סחרה - הפצה, איינמאל מען איז טועם פון דעם איז לא יכבה... כפה פרשה לעני - מען געבט א קונטרס פאר א צווייטע איד, לא תירא לביתה משלג - מען ווערט אפגעוואשן פון אלע עבירות.

ביים שמעקן די הדסים האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די בחורים וואס גייען מיט שטריימלעך שבת, שטעלן זיך אהער אזוי ווי אינגעלייט, ס׳איז אזוי זיס, זיי קענען חתונה האבן און קיינער זעט נישט קיין חילוק. אין אמעריקע זעט מען א יונגער מענטש מיט א שטריימל קוקט מען דאס אן אינטערעסאנט, אבער דא קען מען חתונה האבן און ס׳איז אלעס די זעלבע זאך... האט איינער געזאגט אז אפשר אין אמעריקע זאל מען איינפירן אז מ׳זאל גיין מיט א שטריימל ביי די בר מצוה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אין אמעריקע איז דאס נישט דא, האט איינער געזאגט אז קינדער וואס גייען מיט הוטן איז יא דא, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז עס איז טאקע אזוי. און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער זאגט אלץ פאר זיינע קינדער אז ס׳איז א שיינע זאך ווייל ס׳קען נישט זיין אז ביי די צוועלעף יאר איז עס ״אנטשי״ און ביי די דרייצן איז עס ״קיוט״...

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט געזאגט פאר זיין זון אז אויב וועט ער דאווענען שיין וועט ער אים קויפן א הוט מיט א בעקיטשע.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: ״ווען איך וועל חתונה מאכן אלע מיינע קינדער וועל איך קענען קומען מער אפט, איך קען נישט איבערלאזן מיין ווייב און קינדער יעדע שטיק צייט, איך בין נאכנישט קיין רב וואס קען דאווענען אויבן אן און מיינע קינדער זאלן דאווענען פון אונטן, איך דאווען יעדע וואך מיט מיינע קינדער אינמיטן בית המדרש, און אויב גיי איך צו צום עמוד נעם איך אלע מיינע קינדער און זיי שטייען נעבן מיר ביים עמוד אויף מילך קעסטלעך״...

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה געפרעגט: ״ווער איז געגאנגען די מערסטע הפצה?״, האט מען געזאגט אז הבחור יודי ברילל נרו יאיר איז געגאנגען די מערסטע הפצה, האט דער ראש ישיבה אים מכבד געווען אויפצוהייבן די בעכער.

נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט ״וואס זאגסטו צו מיין איידעם?... די אונגארישע טוען זיך אלץ אויף מיט זייערע איידעמער״... און דער ראש ישיבה רופט זיך אן: ״איך זאג אלץ פאר די מנהל ר׳ אברהם משה נרו יאיר אז מ׳מוז חתונה מאכן די קינדער סיי אויב ס׳איז דא חן און סיי אויב ס׳איז נישט דא קיין חן, ברוך השם ביי מיין זון שלמה איז געווען חן, און ביי מיין אלחנן איז געווען חן, און ביי נתנאל איז אויך געווען חן, אבער איך האב נאך א שטוב מיט קינדער און אויב ס׳וועט נישט זיין קיין חן וועל איך נאכאלץ זיי מוזן חתונה מאכן״.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר א בחור פארן זיך וואשן: ״נעקסטע יאר וועסטו שוין נישט עסן דא, נעקסטע יאר וועל איך דיר שוין

אפשטעלן אויף איתיופיה גאס" (ווען מ'איז אנגעקומען צו די איתיופיה גאס ביים אהיים באגלייטן דער ראש ישיבה נאכן דאווענען, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די אינגעלייט: "גייט אהיים, ענקערע ווייבער ווארטן אויף ענק"). דערנאך האט מען זיך געוואשן און אנגעהויבן די סעודה.

ביי די פיש איז געווען צוגעשטעלט גרויסע שטיקלעך סעלמאן פאר יעדן, האט דער ראש ישיבה געפרעגט אויב דא אין ארץ ישראל סערווירט מען שבת ביי אלע הייזער אזעלכע גרויסע שטיקלעך סעלמאן און אויב מען סערווירט בכלל, האט איין בחור געזאגט אז מען גיבט נישט אזעלכע גרויסע שטיקלעך אבער מ'געבט ביי זיי אינדערהיים סעלמאן, מרדכי היימליך נרו יאיר האט געזאגט פארן ראש ישיבה אז ל"ג בעומר איז ער געווען ביי משפחת פערל אינדערהיים און עס איז געווען זייער געשמאק און בא'טעמ'ט, נאך בעסער פון אלע האטעלן אין ארץ ישראל, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "א האטעל קוקט אויס פון אינדרויסן אז 'דא איז די גליק'... ס'איז אזוי ליכטיג פון אינדרויסן, אבער פון אינעווייניג איז עס טונקל און אומבא'טעמ'ט, ווידעראום ביי זיי, פון אינדרויסן קען מען מיינען ווער ווייסט וואס... אבער אינעווייניג איז עס זייער געשמאק".

און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "יוסי פרעגט פארוואס קען נישט זיין ביידע, סיי אינעווייניג און סיי אינדרויסן זאל זיין לעכטיג?..." האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז ס'קען טאקע זיין, אבער די מציאות איז נישט אזוי...."

דער ראש ישיבה האט זיכער געמאכט אז יעדער האט צו עסן און יעדער איז באקוועם ביים סעודה.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון דער בחור וואס האט אנגעגרייט די סעודה נאך די פיש אויב מ'קען שוין אריינברענגען מים אחרונים אדער ס'גייט נאך זיין ווייטער א סעודה, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: "ס'איז נאר א וועג פון רעדן, ער זאל זיך נישט דערשרעקן"...

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "אויב ס'איז א הפצה פארברענגט דארף יעדער דערציילן א 'מעשה פון הפצה'", אלע מפיצים האבן אנגעהויבן דערציילן מעשיות, ס'איז געווען זייער שיין.

**א האטעל קוקט אויס פון אינדרויסן אז 'דא איז די גליק'... ס'איז אזוי ליכטיג פון אינדרויסן, אבער פון אינעווייניג איז עס טונקל און אומבא'טעמ'ט, ווידעראום ביי זיי, פון אינדרויסן קען מען מיינען ווער ווייסט וואס... אבער אינעווייניג איז עס זייער געשמאק...**

איינער האט דערציילט אז ער איז געגאנגען הפצה ביי די הייזער און זיין משגיח פון ישיבה האט געעפנט די טיר, און נאך א מזל אז ער האט באהאלטן זיינע קונטרסים אין א זייט אזוי האט זיין משגיח נישט געזען אז ער גייט הפצה. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "יענקי האט געהאט די זעלבע מעשה, נאר ער האט יא געגעבן פאר זיין משגיח א עצתו אמונה און ער האט עס גענומען". האט יענקי געזאגט אז ער האט אויך געזאגט פארן משגיח אז ער הערט אויס אלע שיעורים אויף די האט-ליין, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך קען רעדן צו אים ביים שיעור... וויאזוי הייסט ער?" האט ער געזאגט אז דער משגיח הייסט מרדכי, האט דער ראש ישיבה געזאגט: איך קען מיך מאכן ווי איך רעד צו א בחור, און איך גיי זאגן: "מרדכי מרדכי, וואס ווילסטו פון די בחורים לאז זיי לערנען משניות..."

מרדכי היימליך נרו יאיר האט געפרעגט דעם ראש ישיבה: "מ'לאזט אין ישיבות גיין הפצה?", האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "מ'לאזט אין ישיבות האבן סמארטפאונ'ס?"...

דער ראש ישיבה האט געהייסן מרדכי היימליך זאל דערציילן א מעשה פון הפצה, האט ער געזאגט אז ער ארבעט מיט מענטשן און יעדער וואס פרעגט אים ווי אזוי ער הייסט, זאגט ער 'מאטי היימליך פון ברסלב ליבערטי', און זיי זעען א מענטש זיך אויפפירן שיין מאכט עס א שיינע רושם, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט גערעדט פון דעם היינט אינדערפרי ביים שיעור.

א בחור האט דערציילט אז ער איז געגאנגען הפצה, און איינער האט געגעבן צדקה האט ער אים געגעבן א קונטרס מיט א סידי, און דער מענטש האט אים געגעבן דריי הונדערט און זעכציג דאלער, דער בחור האט געפרעגט דער ראש ישיבה וואס ער זאל טון מיט די געלט, האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "וואס האסטו געזאגט פאר דער מענטש, פאר וועם גייסטו נאך צדקה?", האט ער געזאגט אז ער איז געגאנגען נאך געלט פאר זיין טאטע, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "גיב עס פאר דיין טאטע". האט דער בחור געזאגט אז אויב וועט

ער געבן די געלט פאר זיין טאטע ווערט זיין טאטע גלייך כאפן אז ער גייט הפצה, האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "אז דו ווערסט געבן געלט פאר דיין טאטע ווערט ער נישט פרעגן קיין קשיות"...

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אינמיטן די סעודה: "אין ארץ ישראל שפירט מען א זויבערקייט, ס'איז דא דא א ריינע לופט, יעדער וויל זיין גוט".

דער ראש ישיבה האט געבעטן די מפיצים זאלן דערציילן מעשיות וואס זיי האבן געהאט בזיונות ביים גיין הפצה, האבן די בחורים געזאגט אז דא אין ארץ ישראל איז כמעט נישט דא קיין בזיונות, האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "וואס הייסט, קיינער שרייט נישט?", האבן די מפיצים דערציילט אז ס'מאכט זיך כמעט נישט צו האבן א בזיון ביים גיין הפצה, נישט יעדער נעמט אבער עס איז כמעט נישט דא קיין בזיונות. דער ראש ישיבה האט עס זייער באוואנדערט.

א בחור האט געזאגט אז ער גייט הפצה מיט סידי'ס, האט דער ראש ישיבה געפרעגט אויב אין די געגנט פון מאה שערים נוצט מען נאך סידי'ס אדער נאר עס-די קארטלעך מיט יו עס בי'ס, ווייל אין אמעריקע איז שוין נישט דא אזא זאך סידי'ס, האט איינער געזאגט אז ער האט איינעם געגעבן א סידי האט יענער געזאגט "אה, זייער פיין, יעצט וועל איך האבן וואס צו הערן אין קאר", האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אין אמעריקע איז ניטאמאל דא סידי פלעיערס אין קארס, אין די קארס איז שוין נישטא קיין פלאץ ארייננצולייגן סידי'ס. איינער האט זיך אנגערופן אז אין מאה שערים נוצט מען נאך טעיפ'ס, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "נע... מ'נוצט נישט קיין טעיפ'ס, טעיפ'ס איז א אלטע זאך"... און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער איז שטעקן געבליבן ביי טעיפ'ס, עס-די קארטלעך פארשטייט ער שוין נישט וויאזוי עס ארבעט, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער מנהל ר' אברהם משה האט זיך אריינגעלייגט דערין, אבער איך פארשטיי עס שוין נישט.

א בחור האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב ס'איז א פראבלעם צו רעדן פון מוזיק, וויבאלד דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט ביי א שיעור אז פאר ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן איז ער געווען פארנומען מיטן רעדן פון מוזיק, און ער שעמט זיך מיט דעם.

**נישט יעדער קען זיין א מלמד, א מלמד דארף זיין אביסל קלוג, און ער דארף האבן א געפיל צו קינדער, נאר אזעלכע מלמדים וויל איך האבן אין די מוסד."**

האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "ווען מען קומט צום רבי'ן קען מען רעדן פון מוזיק מיטן אייבערשטן", דער ראש ישיבה האט פארציילט אז פאר ער מיט די מנהל ר' אברהם משה זענען מקורב געווארן איז דאס געווען די וועג פון עבודת השם, רעדן פון מוזיק... און דאס איז א בזיון.

ווען מ'האט ארומגערעדט פון הפצה האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מ'זאל גיין בעיקר צו די יונגע בחורים, אוודאי אז מ'קען געבן פאר אן עלטערער מענטש פארוואס נישט, אבער מ'זאל זיך פארלייגן אויף יונגע בחורים וויל עס איז א גרויסע רחמנות אויף בחורים. דער ראש ישיבה האט עס אפאר מאל איבערגעזאגט, "עס איז א רחמנות אויף בחורים, ניין?"...

דער ראש ישיבה האט געפרעגט דעם מנהל אויב ער האט זיך באקאנט געמאכט אין שול מיט אנשי שלומינו פון ארץ ישראל, האט ער געזאגט א נאמען פון א יונגערמאן מיט וועם ער האט גערעדט, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ער האט נאך די פרישקייט פון א פרישער מקורב, די פייער פון א פרישער מקורב איז גאר עפעס אנדערש", האט א בחור געפרעגט דער ראש ישיבה: "ווי אזוי באקומט מען צוריק די פרישקייט?", האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "מ'דארף בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, ווען מ'מאכט התבודדות דארף מען דאס אויסשמועסן מיטן אייבערשטן".

דער מלמד אשר ראנד נ"י האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה פארוואס פון אלע אנשי שלומינו אין ארץ ישראל האט דער ראש ישיבה פונקט אים אויסגעקליבן צו זיין מלמד, האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "ווייל דו טויגסט! נישט יעדער קען זיין א מלמד, א מלמד דארף זיין אביסל קלוג, און ער דארף האבן א געפיל צו קינדער, נאר אזעלכע מלמדים וויל איך האבן אין די מוסד".

דערנאך האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "אשר, פארצייל מיר עפעס פון חדר". האט אשר געזאגט: "אז ס'איז זייער א גוטע געפיל נאכן זיך איינהאלטן פון זאגן א ווארט פאר א קינד". האט דער ראש ישיבה פארראכטן - "א שלעכט ווארט. מ'מוז אבער זאגן, מ'מוז זיין זייער שטרענג, און מענטשן קענען נישט נעמען די מיטל וועג, אדער שלאגן און שמייסן, אדער טו וואס דו ווילסט, אבער דער אמת איז אז ס'איז דא א מיטל וועג".

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



מען לערנט מסכת תענית אין קעמפ צווישן ט"ו
באב און ראש השנה - שנת תשע"א

1. מו"ה יעקב פיש הי"ו
2. מו"ה יואל מאשקאוויטש הי"ו
3. ראש ישיבה שליט"א
4. מו"ה זלמן לייב זילבער הי"ו
5. מו"ה יעקב לעססער הי"ו
6. מו"ה יואל לעווי הי"ו
7. מו"ה יצחק הערש האפמאן הי"ו

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

# קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

## קרית ברסלב ספרים סטאר

51 Twin Bridge Liberty NY 12754

עס איז יעצט דא א גרויסע סעיל אויף אלע
מדרשים פון זכרון אהרן ביז 30% אראפ

זוהר מתוק מדבש גרויסע רעגעלער $525 יעצט $439
קליינע רעג $400 יעצט $339

ארטסקרול ש"ס בבלי גרויסע רעג $2600 יעצט $2000
קליינע רעג $2300 יעצט $1750

ארטסקרול ש"ס ירושלמי רעג $1800 יעצט בלויז $1400

לייבי ראטה
347-578-4449

בס"ד

## KB BUSINESS SOLUTIONS

BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

## בשורה טובה!

א פוס דאקטאר וועט אראפקומען אין
שטעטל זונטאג תרומה, פאר קינדער און
ערוואקסענע וואס קענען געניסן פון ספעציעלע
**orthopedic wear**

זיך איינצושרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00

די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע
מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן
נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.

פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!

דאס איז נאר פאר די וואס זענען נישט געווען אין די זומער.




For all your Plumbing needs big or small 24 Hour emergency
Call Lazer Maintenance
917-202-1206

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע • בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

## רענט קאמפיין

מיר ווילן אייך פערזענליך
איינלאדענען צו א רייכע

סעודת מלוה מלכה

# מסיבת הכרת הטוב

וואס וועט פארקומען דעם
מוצש"ק תרומה הבעל"ט
למספרם FEB. 25

בבית מדרשינו בוויליאמסבורג
27 SKILLMAN - 9:30 בשעה

בהשתתפות

## ראש ישיבה שליט"א

מיר האפן אייך
פערזענליך צו באגריסן

**אשר בער אינדארסקי**
**שבתי דוד מארקוס**

עס
וועט אי"ה
זיין צוגעשטעלט
א באס פון קרית
ברסלב. זעהט
באזונדערע
מעלדונג

נייע קונטרס "אויף שמחות" וועט ווערן פארטיילט פאר אלע משתתפים

sruliheskel@gmail.com

# ואלה יעמדו על הברכה

די וואס האבן גענומען א טייל אין די **שותפים** קאמפיין

## פרשת בשלח

## תלמוד תורה ירושלים

**שותף היום**
מוה"ר גדליה
ורחל נעמי אפפעל הי"ו

## תלמוד תורה טבריה

**שותף היום**
מוה"ר אברהם דוד
ושינדל לאקס הי"ו

**שותף היום**
מוה"ר ישראל מיכל
ואסתר ראזענפעלד הי"ו

## ישיבה קטנה ירושלים

**שותף השבוע**
מוה"ר יקותיאל יהודה
וחיה שרה מייזליש הי"ו

**שותף היום**
מוה"ר יהודה אריה
ורחל ראטה הי"ו

**"איך וואונטש ענק א ברכה אויף ליכטיגע דורות, בזכות וואס איר העלפט דעם רבי'ן אזוי געטריי"**
עצתו אמונה










צו זיין א שותף אין די הייליגע מוסודת על טהרת הקודש
רופט ר' אייזיק אפפעל: 646-302-8957

פאר די
# ברסלב'ע שטוב

ז. ווייסמאנדל

# ארבעט עס טאקע?

„איך מוז וויכטיג א גוטע עצה, עפעס א סגולה, עפעס וואס באווייזט וואונדער פון א מינוט אויפן צווייטן!"

רבקי האט זיך ארומגעקוקט אויף אירע קוזינעס, און דער עולם איז געווארן געשפאנט,ווער וועט איר קענען העלפן? איך האב זיך צוגערוקט צום טיש, צו זען מיט וואס מען גייט דא אויפקומען.

מיר זענען געזעצן די גאנצע משפחה צוזאמען ארום שיין געדעקטע טישן, ביי די יארצייט סעודה פון אונזער אומפארגעסליכע ליבע באבע ע"ה.

בשעת מיר האבן זיך מכבד געווען מיט די פיינע דעליקאטעסן האט רבקי אראפגעלייגט אין וואספארא פלאנטער זי געפונט זיך: "פאר יארן צוריק האב איך געקויפט א דירה אין שטאט ביתר פאר זייער ביליג, מיט די צייט האט זיך ביתר אנטוויקלט אויף א שיינע שטעטעלע און די פרייזן זענען זייער געשטיגן, יעצט לוינט מיר עס צו פארקויפן און מיט די געלט קויפן א הויז אין ירושלים. איך האב שוין געטראפן א הויז אין ירושלים און דער באלעבאס האט מסכים געווען צוווארטן ביז א האלבע יאר איך זאל פארקויפן די דירה



# פאר די ברסלב'ע שטוב

אין ביתר און אפקויפן אין ירושלים. דערווייל טרעף איך אבער נישט קיין קונה אין ביתר, און די האלבע יאר לויפט שוין אפ, איך גיי בלייבן אויסגעשפילט פון אלע זייטן, ווייל איך וויל זייער שטארק די הויז אין ירושלים. ווער ווייסט פון עפעס וואס קען מיר דא ארויסהעלפן??"

שיינדי שפרינגט אויף: "איך ווייס פון עטליכע גוטע סגולות, ממש מ'זעט ישועות פון איין מינוט אויפן צווייטן. די ערשטע זאך זאג 'אמר רבי בנימין'..." עס ווערט א געלעכטער ארום דעם טיש ... און שיינדי דערשרעקט זיך נישט, "וואס איז? זי דארף דאך טרעפן א קונה!"

שרה'לע מישט זיך אריין: "זאג נשמת... ענק מוזן הערן וואס איך האב געהאט, איך האב געדארפט מופן, און מיר האבן נישט געטראפן א פאסיגע הויז, איין טאג האב איך מחליט געווען, דאס איז עס! איך בין אראפגעפארן צו קבר רחל און איך האב מחליט געווען אז גיי זיך נישט אוועקרירן ביז איך האב א ישועה, איך האב דארט אוועק געשטעלט א מנין פרויען צו זאגן צוזאמען נשמת, און... ביז צוויי טעג האבן מיר געטראפן א הויז פונקטליך וואס מיר האבן געזוכט!"

שיינדי פסק'נט אפ: "עס מוז נישט זיין א מנין, נשמת פאר זיך איז זייער א גרויסע זאך צו זאגן". אבער שרה'לע האלט זיך ביי איר'ס, "נשמת איז זייער גוט צו זאגן, אבער איך שפיר אז די מנין האט צוגעשטופט די ישועה."

מומע דבורה רופט זיך אן: "דאנק דעם אויבערשטן כאילו דו האסט שוין די ישועה. איך זאג אייך... עס קען ממש רירן וועלטן..."

יא, יא, שאקלט חני צו מיטן קאפ, יעצט מוזן אייך הערן נאך א נייע סגולה פון התנא מתיא בן חרש, עס איז אביסל א שווערע... עס געדויערט בערך א האלבע שעה, און מען דארף האלטן קאפ, אבער עס לוינט זיך. עס גייט אזוי: מען צינדט אן א ליכט, און נאכדעם זאגט מען קאפיטל פ"ו פון תהילים, און מען בעט איין בקשה, נאר איין בקשה! אזוי צינדט מען אן אכצן ליכט, יעדן מאל איין ליכט און קאפיטל פ"ו, מען בעט די בקשה... און מען זעט ישועות... אוי! איך האב שיעור פארגעסן! מען דארף צוזאגן אז מען וועט עס מפרסם זיין אז מען האט געטון די סגולה און מען איז געהאלפן געווארן.

וואו! רבקי איז ממש נתפעל, "די סגולה רעדט צו מיר!" אבער זאג נאר, זי געבט א ווינק מיט די אויגן... עס ארבעט טאקע??

חני בייט קאלירן... קוק... עעעם... איך... קוק, איך האב עס שוין אסאך מאל געטון און נישט אלעמאל האב איך געזען ישועות... אבער מען הערט זאגן אז עס העלפט ממש למעלה מן הטבע...

איך שפיר ווי איך וויל ארויסשפרינגען פון די הויט און אויסשרייען "בעט דעם אייבערשטן פשוט אין פראסט אויף דיין אייגענע שפראך"! פארוואס איז מיר אזוי שווער זיך צו אנרופן הויך די פאר ווערטער??

איך וויל דא נישט אוועקמאכן די סגולות, סגולות וואס אנשי מעלה, שרפי קודש האבן אונז מגלה געווען, איך האב דא א אנדערע שטארקע שאלה: פארוואס בין איך אזוי זיכער געווען, אז ווען איך וועל זאגן, "בעט דעם אייבערשטן!" וועט מיר קיינער נישט גלייבן? אלע וועלן לאכן פון מיר??

יא, אזוי גייט עס. פאר א מענטש איז זיכער גרינגער צו גלייבן אז א סגולה פון ליכט קען רירן וועלט, ווי צו גלייבן אז דער אייבערשטער זיצט און גייט אויס און ווארט צו



פאר די
# ברסלב'ע שטוב

הערן מיין קול, און עס איז גרינגער צו זאגן נשמת, מיט שיר השירים און פרק שירה, ווי צו טראכטן אז מיינע פאר פשוט'ע ווערטער רודערט אויף די הימלען...

אבער זע איך דאך ווי די פשוט'ע תפילה ארבעט באמת!

איך האב אזוי פיל מעשיות פון תפילה יעדן איינציגן טאג!

און וויפל מאל האב איך געבעטן זאכן וואס עס האט אויסגעקוקט אז עס גייט קיינמאל נישט געשען און עס איז געשען?!

יא?? און וואס איז מיט דיין הויז?? דו וואוינסט אין א אלטע חורבה און די בעט'ס שוין אזוי לאנג דעם אייבערשטן אז דו ווילסט א נייע הויז. קוק אויף די אלטע צוקריצטע שאפעס... צובראכענע באלאטעס... די אומפראקטישע אויסשטעל... און... דערווייל זעט נישט אויס אז עס גייט אמאל קענען געשען...

און וואס איז מיט דיין נייע קלייד... און מיט די סינק וואס טראפט... און... און... און די גאנצע תפילה ליסט וואס עס זעט אויס ווי עס רירט זיך נישט?...

אסאך מאל זאג איך נאר ארויס פון מויל און אויפן ארט באקום איך עס, און עס איז דא זאכן וואס עס קוקט אויס כאילו די תפילה ארבעט נישט... יעדן מאל וואס איך דארף קלינען די הויז און עס הייבט אן צו שטערן אלע קריצן און אלע שפאלטן הייבן איך נאכאמאל אן צובעטן דעם אייבערשטן: "אייבערשטער! איך וויל וואוינען אין א גרויסע נייע הויז! אייבערשטער! איך וויל האבן א גרויסע באקוועמע קאך עס זאל זיין גרינגער די גאנצע ווירטשאפט! אייבערשטער איך וויל קענען אריינעמען געסט! און טאטע זיסער איך וויל אז אלעס זאל זיין פראקטיש און באקוועם אז מיינע קינדער זאלן זיך קענען רירן..."

> **חני בייט קאלירן... קוק... עעעס... איך... קוק, איך האב עס שוין אסאך מאל געטון און נישט אלעמאל האב איך געזען ישועות... אבער מען הערט זאגן אז עס העלפט ממש למעלה מן הטבע...**

און... איך פיל זיך רוהיגער... איך האב אראפגעלאדנט מיין פעקל אויפן אייבערשטן, ער ווייסט פונקטליך וואס איך וויל און וואס איך דארף, און זעט אויס אז א נייע הויז איז יעצט נישט פונקט גוט פאר מיר. און ווייל איך פיל ווי איינער הערט מיר אויס און פארשטייט מיר ווערט מיר אזוי גרינגער אויפן הארץ אז איך קען שוין זען ווי גוט עס איז מיר שוין יעצט, אפילו איך האב נאכנישט באקומען וואס איך האב געבעטן... א מחי'! קוק ווי די קינדער שפרינגען און טאנצן אלעס איז שוין במילא אלט און צוקראצט ווערט זיין נאך אפאר קריצן... און דאס וואס איך האב נאכנישט א נייע קלייד איז דאך אויך גוט, די וואך איז דא אסאך סעיל'ס וועל איך מיט אייבערשטנ'ס הילף טרעפן א שיינע קלייד פאר ביליג... און וואס איך פארשטיי נישט פונקט פארוואס עס גייט נישט, וועל איך בעטן נאכאמאל, און אויב עס ועט זיין גוט פאר מיר וועט עס דער אייבערשטער מיר געבן. און אויב נישט... אפשר וועל איך נאך אמאל זען די טובה פון דעם...

דערווייל יעדעס מאל וואס איך רעד צום באשעפער פיל איך זיך אזוי גוט, איך קום אן צו די טיפע אינעווייניגסטע הארץ קעמערלעך, און איך רייניג זיי אויס, איך פיל זיך נאכדעם זיכער מיט זיך, איך קען אפווארטן מיין מאן מיט ווארעמע עסן און א ברייטע שמייכל, אפילו ער האט יעצט נישט די געלט אויף אלע זאכן וואס איך וויל יעצט...

איך רעד שוין נישט פון דעם, ווען איך נעם דאנקען דעם אייבערשטן אויף יעדע גוטע זאך וואס איך האב יא, אויף די גוטע מתנות וואס ער באווארפט מיר כסדר, דעמאלטס איז קיין גליקליכע פון מיר נישטא צו טרעפן אין די גאנצע וועלט...

**נו? וואס זאגן אייך? ארבעט עס טאקע?**

...

# מעשה פון תפילה
# פאר קינדער

יוסי אינדיג נרו יאיר תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג פארציילט:










רבקי לויזון תחי׳ בית פיגא ירושלים פארציילט:




געמאלן דורך: רבקי לויזון






# קליין און שיין



עמרם און יואליש ראטה פון קרית
ברסלב האבן אהערגעשטעלט אלף
בית נקודות פון קליקס



נחמן נתן סאמעט נרו יאיר
וויליאמסבורג אהערגעשטעלט א בית
המקדש

## שיקט אריין
## א בילד
## פון אייער קינד



# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער 2 מאל



**ווען מען טוט אסאך מצות בתמימות ובפשיטות וואקסט מען אויף א גרויסער צדיק**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | כ | ג | ל | ו | ג | ב | ה | ג | ה | ב | כ | פ | ק | ק | ב | ק | מ | ג | ב |
| ג | ח | ש | ו | א | ד | ט | ד | נ | נ | ת | כ | א | ד | י | פ | מ | צ | ט | א |
| ו | ע | ע | ו | ע | ח | ו | נ | ע | ע | מ | ע | נ | ס | ז | ד | מ | ו | כ | ע |
| ו | נ | ש | ע | ד | ט | ט | מ | ו | ט | י | ז | ט | ה | א | ל | צ | ת | ר | ר |
| ט | ק | ת | ב | ת | מ | י | מ | ו | ת | מ | ש | פ | ה | צ | כ | נ | י | א | ר |
| ס | ז | ה | א | כ | צ | ק | ט | ז | א | ו | כ | ב | ש | נ | ג | א | מ | ע | נ |
| ק | ו | ר | ד | ו | ל | ר | נ | ו | ה | ת | ר | ע | י | ב | ע | ג | ס | ע | ט |
| א | ש | צ | ס | א | י | ט | י | ה | ד | ח | ד | צ | ת | ח | ז | י | מ | ל | ע |
| ו | ס | מ | מ | ו | ב | פ | ש | י | ט | ו | ת | ד | ק | ס | ו | ה | ק | ז | ק |
| ו | ו | א | ק | ס | ט | ו | א | ט | ר | ע | ס | י | ו | ר | ג | ב | ת | ה | ר |
| ט | נ | מ | כ | ו | ס | מ | מ | צ | ו | ת | ב | ק | ג | ת | ש | ה | כ | מ | צ |



**העלף נחמן נתן אנקומען צום צדקה פושקע!**



# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת בשלח?

## פון אויבן אראפ.

1. יעדן טאג _____ _____ געווען אביסל, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי

2. אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון _____, גלייב אויך אז דו קענסט פאררעכטן

3. איך וועל נישט האבן צוטון מיט _____, איך וויל נאר ליבשאפט

7. ווי לאנג די _____ ברענט, קען איך פאררעכטן

8. נעם זיך פאר אנצוטון ביידע פאר _____ איינאיינעם, רש"י מיט רבינו תם

9. יעדע _____ וואס מען טוט, איז חשוב ביים אייבערשטן

11. ווען א מענטש שפירט ווי מען קען מער נישט _____, זאל מען פארמערן זיך איינצוהאלטן

14. ביי די וועלט איז _____ א קלייניקייט, אבער ביי מיר איז אמונה א גרויסע זאך

15. דער רבינ'ס זאך קען מען נעמען נאר מיט גרויס _____

16. _____ נישט אויף אנדערע, און זייט אייך נישט מבלבל פון אנדערע

## פון רעכטס צו לינקס.

4. אויב דער טאג איז אריבער אן די גוטע _____, וועט מען פונדאסניי פרובירן

5. נעם אפאר מינוט און שמועס זיך אויס מיט'ן אייבערשטן, אזוי ווי מען _____ צו א חבר

6. זוכט אויך אין אייער _____ די וואס האבן נישט קיין חבר'טעס, און חבר'ט זיך מיט זיי

7. כל זמן מען _____, קען מען תשובה טון, מען האט נאך אן האפענונג

8. די הייליגע _____ זאגט אז אויב א מענטש זינדיגט, איז דא א מצוה פון תשובה

10. פארנעמען לכבוד די יום הולדת צו זאגן דעם יום תהלים יעדן _____

12. מאך זיך א _____ אין די וועכטנליכע קונטרס "עצתו אמונה"

13. אויב מען מאכט נישט קיין ברכות, קומט _____

14. אלעס איז דער _____, ער מאכט אלעס, ער טוט אלעס

17. געבט זיך אכטונג פון די גיפטיגע ווארט 'זיך _____', דאס קען פאר'סמ'ן דאס לעבן



# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

חופה פון החתן שמעון ניישטיין הי"ו - א' בשלה אין ישיבה


קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

הרב אלחנן רוטה לייענט די כתובה


קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

די זיידע המפיץ הגדול מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א ביים זאגן א ברכה אינטער די חופה


קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

מו"ה יואל פארקאש הי"ו די פעטער פון די כלה ביים זאגן א ברכה אינטער די חופה


קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

דער ראש ישיבה איז מסדר קידושין


קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

די זיידע המפיץ הגדול מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א ביים טאנצן מצוה טאנץ





לחיים/ווארט/תנאים פון החתן שמואל אייזיק בן מו"ה שמעון עוזר פערל - עב"ג מו"ה יוסף סאקס הי"ו



קרעדיט: שמעון פיש

שבע ברכות אין ישיבה פאר החתן שמעון ניישטיין הי"ו



קרעדיט: שמעון פיש

הרב אלחנן רוטה שליט"א ביים משמח זיין דעם חתן



קרעדיט: יוסי פרערויא

ליל ששי שיעור אין ישיבה - פרשת בא



קרעדיט: יוסי פרערויא

א שמועס מיט די אינגעלייט (ווערט אויך געזען דעם דיין שליט"א) ליל ששי שיעור פרשת בשלח




קרעדיט: יוסי פרערויא

שענער אהערגעשטעלט אין ישיבה די פרנס החודש



קרעדיט: שלמה גוטווין

מען גרייט צו די עסן פאר די חתונה פון החתן שמואל אייכנשטיין נרו יאיר - מוצאי שבת בשלח

## חתונה אין ישיבה פון החתן שמואל אייכנשטיין נ״י - עב״ג מו״ה שמואל לייב פעלבערבוים הי״ו - א׳ יתרו


קרעדיט: שלמה גוטוויין


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא

ביי מצה טאנץ